# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 130- Fall 1997 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5vg1790k

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 130(1)

### Publication Date
1997

### Copyright Information
Copyright 1997 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 130

האַרבסט
תשנ"ח

AUTUMN
1997

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

בלושטיין, שרה און נחום
גאָרפּיין, רחל און מאַניע
ווייס, עדנאַ
לעווין, דזשעק און ען
לעווענטאַל, בעבע און לי
לובין, דוד און משפּחה
מייזנער, לילקע און שלמה
סאָסקי, העלען און יוסף
סמיט, קאהן טייבל
סטעמפּל, טינאַ
ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

פעלנער, פייגע
און משה מאַראָקאָ
קאַרפּ־לעפקאָוויטש, סימאַ
שאַרף, עלסי,
לאָורי און משפּחה
שוואַרץ, רעניי – אין אָנדענק
פון שלמה שוואַרץ, שיקאָגאָ
שייפער, דאָראָ און יעקב
סלוצקי, רחל און מענדל
סילבער, אַדעל און אייזיק
פאָנטיין, דזשין
שלאָסער, נעכע

באַט, רבקה און שמואל
הענלי, מאַשאַ
הערבסט, מרים און הערשל
וועלטמאַן, פראַניע און משפּחה
זשוק, סאַבינאַ און חיים
ליפשיץ, אסתר

ניומאַן, דניאל, לינקאָווּד, איל.
סלוצקי, אברהם און געניע
פלאַם, גילאַ
פערעלסאָן, רחל
פרידמאַן, חיה, אין אָנדענק
פון מיין מאַן גרשון ז"ל
קריסטאַל, שלום

באַסנער, דאָרא און יעקב
בורמאַן, געניע און אַלבאַ ווילי
גילינסקי, ליובאַ
זאַלען, ריטשאַרד
לאַקס, לאה און יוסף
מאַלעוויטש, זעלדע און פסח
מאַרטעל, מאַקס
מאַרסאָן, מאיר, ניו־יאָרק,
לזכרון מיין ליבן
פעטער ישראל גובקין, ע"ה

סאַפּיאַן, העלען
סאַפּאַדי, מיקי
ראַטמאַן, רעגינע און לויס
רייך, פיליס
ד"ר שאַו, מעני און מלכה
שוואַרץ, אַלען, סקאָקי, איל.
שטיינגאַרט, צירל און הענרי
פלאָרידאַ
שטיינמאַן, נתן
שקליאַר, דבורה און משה

# אינהאַלט


שרה ליינער: יידיש - דער גייסטיקער המשך . . . . . . . . . . 3
חנן קיעל: לידער . . . . . . . . . . 5
לילקע מייזנער: משה בראָדערזאָן - דער מענטש און דיכטער . . . . . . . . . . 7
צבי אייזנמאַן: דער קרבן פון זיין תאווה . . . . . . . . . . 13
יעקב בסר (בעסער): ליד . . . . . . . . . . 15
משה שקליאַר: צום 75־טן געבוירנטאָג פון ד"ר משה וואָלף . . . . . . . . . . 16
משה וואָלף: דער פּאַרדינסטפולער אַרטיסט בנימין זוסקין . . . . . . . . . . 22
פּיניע פּלאָטקין: לידער . . . . . . . . . . 33
הירשע־דוד מעינקעס: דערציילונג . . . . . . . . . . 34
חנן קיעל: די נישט יידישע יידן . . . . . . . . . . 42
משה שקליאַר: לידער . . . . . . . . . . 49
שירה גאָרשמאַן: מיניאַטורן . . . . . . . . . . 50
מ. אייזענבוד: דערציילונג . . . . . . . . . . 51
עקיבא פישבין: היינריך היינע - די דראַמע פון מאָדערנעם ייד . . . . . . . . . . 55
יששכר פאַטער: 60 יאָר ישראלדיקער סימפאָנישער אָרקעסטער . . . . . . . . . . 62
יוסף גאָלדקאָרן: די "אַבראַשעס..." . . . . . . . . . . 66
גרוניאַ קאָהן: ליד . . . . . . . . . . 70
ש. גערבער: ליד . . . . . . . . . . 70
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע . . . . . . . . . . 71
* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור קלוב . . . . . . . . . . 72
באַגריסונגען . . . . . . . . . . 74-76



# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 130

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

52־ער יאָרגאַנג, נומער 130 • האַרבסט 1997 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

שרה ליינער

## יידיש - דער גייסטיקער המשך

עס ווערט דערציילט אין דער גמרא עירובין (דף אג' עא): ווען רבי מאיר איז געקומען מבקר חולה זיין ר' ישמעאלן האָט אים זיין גרויסער רבי געפרעגט - מה מלאכתך - וואָס איז דיין אַרבעט? מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך? דערויף האָט ער אים געענטפערט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט שרייבן, ער איז אַ לבלר, אַ סופר, אַ שרייבער. האָט אים ר' ישמעאל שטאַרק געוואָרנט און געזאָגט: זיי פּאַרזיכטיק, מיין זון, דיין אַרבעט איז אַ הייליקע; אויב חלילה דו פאַרפעלסט אַן אות אין דיין שרייבן, אָדער דו גיסט צו אַן איבעריקן אות, קאָנסטו חרוב מאַכן אַ וועלט.

מיט דעם האָט יהדות געלערנט ווי מען דאַרף זיך באַציִען צום וואָרט. אַ שינוי פון איין קליין ווערטל קאָן אַ מאָל בייטן די גאַנצע אידעע פון דעם זאַץ, מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער באַנעמונג פון דער אידעע, מאַכן פון קדוש חול, און פאַרקערט, און שאַפן אַ נייע מציאות (ווירקלעכקייט). מיט אַ וואָרט קאָן מען בויען אָדער חרוב מאַכן וועלטן.

ליידער, איצט איז דאָס וואָרט פאַרביליקט, פאַרקרימט, מיסגעברויכט. על אחת כמה וכמה דאַרף מען אָפּהיטן דאָס געדרוקטע וואָרט. מיר זענען דאָך געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען עם הספר, איז טאַקע אַ ספר ביי אונדז זייער חשוב, הייליק. אַז אַ ספר פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, הייבט מען עס אויף מיט אַ ציטער און מען קושט עס. ווען עס ווערט אַלט, די בלעטער פאַרגעלט און צעריסן, אַזוי אַז מען קאָן עס מער נישט ניצן, וואַרפט מען עס נישט אַריין אין מיסטקעסטל, נאָר מען באַערדיקט עס ווי אַ מענטשן.

דאָס בוך האָט שטענדיק באַגלייט דאָס יידישע פאָלק אויף זיין לאַנגן לעבנסוועג דורך טויזנטער יאָרן. די משנה דערציילט, אַז נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען די יידן זענען נאָך געווען אין מצרים, אונטערדריקטע שקלאַפן פון די פּרעה'ס, נאָך איידער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן געשיכטלעכן שליאַך ווי אַ פאָלק, האָבן זיי שוין דעמאָלט געהאַט ספרים.

אין זכות פון בוך האָט דאָס פאָלק מצליח געווען אויפצוהאַלטן און ממשיך זיין דעם נאַציאָנאַלן קיום, כאָטש צעזייט און צעשפּרייט געווען אין ארבע פנות העולם, אין דער ברייטער, פיינטלעכער וועלט, אונטער פאַרשיידענע רעזשימען, אויסגעשטעלט אויף דעם גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון די הערשער.

* * *

די געשיכטע פון דעם יידישן לשון איז זייער אַ טרויעריקע. יידיש האָט געהאַט אַ שווערע דאָליע. ס'ווייזט אויס, אַז אַ שפּראַך, ווי אַ מענטש, ווי יעדע זאַך ווערט געבוירן מיט איר מזל, ווי דער זוהר דריקט זיך אויס: "הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל".

יידיש איז דער אח לצרה צום יידישן פאָלק; ביידע האָבן דעם זעלבן גורל - דאָס פאָלק ווי די שפּראַך; ביידע דאַרפן צושטעלן קלאָרע באַווייזן און ברענגען בולטע ראיות, סמנים, אַז זיי זענען אמתדיק, אויטענטיש, ד.ה. יידן זענען אַ פאָלק און יידיש איז אַ שפּראַך. ביז היינטיקן טאָג זענען נאָך פאַראַן אזוינע וואָס באַצייכענען יידיש ווי אַ זשאַרגאָן, באַציען זיך צו דעם מיט ביטול, מיט חוזק.

נישט נאָר די גויים, נאָר אויך אַ סך פון אונדזערע אייגענע אחינו בני ישראל, יענע וואָס זענען שפּראַכלעך אַסימילירט, האַלטן, אַז יידיש איז נישט קיין שפּראַך, אַז ס'איז אַ צונויפמיש פון פאַרשיידענע פראַגמענטאַרישע עלעמענטן פון פרעמדע שפּראַכן.

יידיש האָט אַלע מאָל געהאַט קעגנער פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק. ס'האָט געמוזט קומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (1908) כדי אויפצוהייבן די חשיבות פון דער שפּראַך און זי רעהאַביליטירן אין די אויגן פון די יידן גופא, פּראָקלאַמירנדיק, אַז יידיש איז אַן אויטענטישע יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

עס זענען נישטאָ קיין ריינע שפּראַכן. אפשר סאַנסקריט. יעדע שפּראַך, אַזוי ענגליש ווי פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש און אַנדערע האָבן אין זיך עלעמענטן פון פאַרשיידענע לשונות. און דאָס איז נאַטירלעך, ווייל מ'לעבט נישט אויף קיין הערמעטיש אָפּגעשלאָסענע אינדזלען, שטאַרק אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. אין אַ סך פאַלן זענען שפּראַכן אָנגעוואָרפן געוואָרן פון די דעראָבערער אויף די אַלט־איינגעזעסענע מענטשן, וועלכע האָבן עס אָנגענומען דורך געוואַלט אָדער פרייוויליק ווי זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, און קיינער פרוווט נישט צווייפלען אין זייער אויטענטישקייט.

מיר האָבן גענומען פון דער פרעמד, דייטשיש, סלאַוויש און פון אַנדערע פעלקער און לענדער, ווו ס'איז אונדז אויסגעקומען צו וווינען; מיר האָבן עס אַנטוויקלט אויף אונדזער אייגנאַרטיקן אופן, פאַריידישט, מגייר געווען און צוגעפּאַסט צו אונדזער אייגענער נשמה און אייגענעם שטייגער פון לעבן, און עס איז אַרויסגעקומען אַ וווּנדערפול שיינע שפּראַך, מיט איר אייגענעם טאָן און אייגענעם קנייטש. מיר האָבן אַריינגעטאָן אין איר אַזוי פיל יידישקייט, אַזוי פיל פאָלקסטימלעכקייט... יידיש האָט אַן עשירות פון אויסדרוק, פון פאָרעם, פון אידיאָמען. מיר פאַרמאָגן אַ וווּנדערלעכע ליטעראַטור, געניאַלע שרייבערס און פּאָעטן. עס האָט נאָך אומבאַגרענעצטע פּאָטענציעלע כוחות. נאָר קיין מזל האָט עס נישט. "אין מזל ליידיש"...

* * *

איך אַליין האָב קיין מאָל קיין יידיש נישט געלערנט, אַזוי אויך מיינע ברידערס און שוועסטערס, מיר האָבן געלערנט העברעיש. אָבער גערעדט האָט מען און געלייענט יידיש. צוזאַמען מיט דער גלעזערנער שאַנק פון די ספרים, דער חומש, די גמרא - דער ש"ס און די משנה מיט די פוסקים וואָס האָט באַצירט די מזרח־וואַנט פון שטוב, איז אַריינגעקומען דער "היינט", צו וועמען דער "מאָמענט" און צו וועמען די "פאָלקס־צייטונג"; מען האָט דיסקוטירט אויף יידיש און זיך אידעיש געקריגט אויף יידיש, ווייל דאָס איז געווען די רעד־שפּראַך, דער אויסדרוק פון יידישן פאָלקס־לעבן.

יידיש איז געווען מיין מאַמע־לשון און מיין טאַטע־לשון, און ליב האָב איך עס פונקט

סוף אויף זייט 7

חנן קיעל / ניו יאָרק

# דאָס ווינטשפינגערל

צו דער 80־טער יאָרצייט פון מענדעלע מוכר ספרים

ווינטשפינגערל, גאָלדן רינגעלע מיינס
כישוף מיר אויס אונדזער בידנע קאַבצאַנסק,
מאָל די געמעלן אויף ווייסן געוואַנד
דעם זיידעשיס שטעטלעך פון יידישלאַנד.

קאַבצאַנסק, קאַבצאַנסק, פון זיידן רב מענדל,
ס'ווינטשפינגערל ברענגט דיר אַ ליכטיקן גרוס,
פאַר יעדן תושב אַ גאָלדן רענדל
און אַלץ וואָס דאָס האַרץ באַגערט און גלוסט.

באָרוועסע קינדער, געלויף נאָך אַ וואָגן,
אין פרייַלעכן שטעטל דער דלית בליט,
ביז מאָרגן פרי ס'וועט אָנהייבן טאָגן -
רעד מיר איין אויפן הימל אַ ירידו!

די זון, די רויטע שוין אויסגעלאָשן,
די זשאַבעס אין סטאַוו קוואַקען און פלוישן,
כאַטקעלעך מידע - אייַנגעשלאָפן,
אין חושך געהילט איז דער תחום המושב.

די קליאַטשע אין שילהויף פון גלופסקער פראָווינץ
געווען איז אַ מענטש גאָר, אַ יידישער פרינץ
און היינט - אַן אָפּגעדאַרט פערדל געוואָרן
אין ביכל פון מענדעלע מוכר ספרים.

נאָר ס'רינגעלע בלויז איז לעבן געבליבן
און שיקט דיר פון ווייטן אַ ליכטיקן גרוס,
אַלץ ווערט מקוים, אַזוי ווי געשריבן,
אַלץ וואָס דאָס האַרץ באַגערט און גלוסט.

ווינטשפינגערל, גאָלדן רינגעלע מיינס
כישוף מיר אויס אונדזער בידנע קאַבצאַנסק,
מאָל די געמעלן אויף ווייסן געוואַנד
דעם זיידעשיס שטעטלעך פון יידישלאַנד.

# זאָל דער שבת געדייען

העגט געקלאַמערט אויף אַקסלען, מיט פאַרגלייזטע אויגן,
טאַנצן אין דער פינצטער ס'אייניקל מיטן זיידן;
אַ יונג־צעכוואַליעטע עדה, זקנים איינגעבויגן,
דער אַלטער רבי וויל מיטן שבת זיך נישט שיידן.

זאָל דער שבת געדייען, זאָל זיך ציען דער ניגון
מיט התלהבות געשאַלן, להבדיל אַ טאַנץ פון קאָזאַקן;
אין גאָלדענעם ראָד דעם רבינס חסידים זיך וויגן
מיט צעפלאַטערטע פאַליעס, ווייסע לייבסערדאַקן.

פלאַקערט אין חושך אַ פייער, כוואַליעס שוימיקע זידן,
פליען צעפלאָשעטע פאות פאַרדבקעט־צעקנאָדערטע בערד;
מיר גרויסע, גרויסע יידן, שבת־יומטובדיקע יידן...
זיי ברענען די הערצער, זיי ברענען און ווערן נישט פאַרצערט.

בגילופין מיר טאַנצן אַריין אין יענער נאַכט
ווען ס'האָבן געגליט נאָך די שטערן אויף מיין זיידנס דאַך.

## ירושה־ניגון

מיין פאַרמעג אין פאַרריגלטן קעלער
ווי אַן אויג אין קאָפּ איך היט,
דעם ירושה־ניגון פון זיידן פאַרטרויט
און פון מיין יונגשאַפט -דאָס ליד
וואָס איז נישט געוואָרן פאַרגרויט.

איך האָב זיי געזאַמלט די לידער־שיימעס
אין די אַרכיוון פון האַרץ,
מיינע סאָנעטן פון חלום און גענאַר
אין פאַרקלמעטן געמיט איך האָב זיי געהיט
ווי אַ פאַרסודעטן סטראַדיוואַר.

און איצט האָב איך מורא, איך בין אין געפאַר,
כ'זאָל אין דער דראַמע ווי דער נגידישער יאָלד
פון הונגער נישט אויסגיין
אויפן אייגענעם טאַרבעלע גאָלד.

לילקע מייזנער

## משה בראָדערזאָן - דער מענטש און דיכטער

כ'וועל צונויפנעמען אַלע פֿאַרבאָרגענע רעקאָראַציעס, אַרויסשלעפּן זיי פֿון די טיפֿע מוח־פֿאַלדן, און צוריק אויפֿבויען אַ ווינקל פֿון דער יידישער פֿאַרגאַנגענער וועלט, אַ שטאָט, אַ פּלאַץ - אַריינפּאַסן פֿיגורן אין זייערע ראָמען און אויף דער דאָזיקער קאַנווע אַריינשטעלן די מאָנומענטאַלע געשטאַלט פֿונעם דיכטער, דראַמאַטורג, נאָוואַטאָר און דורכויס מענטש - משה בראָדערזאָן. וואָלט איך געווען אַ מאָלער וואָלט איך אים באַוויזן מיט זיין ברייטער שוואַרצער פּעלערינע, אַ צעשפּרייטע, און אונטער אירע פֿליגלען אויסגעמאָלן רויטע קוימענס, גרויע הייזער, אַ פֿאַררויכערטע שטאָט - און בראָדערזאָנס צעשטראַלט פּנים און שטיפֿערישע אויגן.

נאָר היות איך בין נישט קיין מאָלער וועל איך זיך באַמיען בלויז מיט ווערטער פּרווון ברענגען אים צום לעבן, און באַלעבן צוריק זיין שטאָט, מ ײ ן שטאָט, וואָס איז געווען די קאַנווע פֿון זיינע לידער, פּאָעמעס, דראַמעס, דראַמאַלעטן.

גערופֿן האָט מען די שטאָט "פּוילישער מאַנטשעסטער". די הימלען זענען דאָ שטענדיק געווען גרוי פֿון רויך, דריי מאָל אַ טאָג האָט דעם שטאָטישן ווירוואַר איבערגעריסן אַ לאַנגער צעצויגענער פֿייף - אַ צייכן פֿון אָנהייב אַרבעט, מיטאָג־שעה

---

המשך פֿון זייט 4

ווי העברעיש. ביידע שפּראַכן זענען גלייכע שותפים און העלפֿן זיך אַרויס איינע די אַנדערע. ביידע זענען איינגעוואַקסן, איינגעוועבט איינע אין די אַנדערע און מען קאָן זיי נישט פֿונאַנדערטיילן. נישטאָ קיין מחיצה צווישן זיי.

פֿאַר אַן ערך טויזנט יאָר האָבן אונדזערע עלטערן זיך אויסגעלעבט אין יידיש, און אין די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעבן, ווען פֿאַרפּייניקטע, פֿאַרגאַזטע און פֿאַרברענטע אין דעם פֿינצטערן חורבן אונדזערן האָבן זיי אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם, האָבן זיי די לעצטע גסיסה־קרעכצן אויסגעדריקט אין אָט דער שפּראַך און אונדז אָנגעזאָגט נישט צו פֿאַרגעסן - זכור תזכור, געדענקט, געדענקט...

זענען מיר די איינציקע פֿאַרבליבענע יורשים פֿון זייערע גייסטיקע ווערטן. יידיש שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם גייסטיקן המשך פֿון אונדזערע חרוב געוואָרענע קהלות אין מזרח־אייראָפּע. ליגט אויף אונדז אַ הייליקער חוב אָפּצוהיטן און שפּינען ווייטער די פֿעדים וואָס פֿאַרבינדן אונדז מיט זייער זכרון, מיר זאָלן קאָנען איבערגעבן זייער ירושה צו אונדזערע קינדער און אייניקלעך, צו די קומענדיקע דורות.

איך ווייס, עס פֿעלן נישט אַזעלכע וואָס זאָגן שוין אָפּ אַ רבנן־קדיש נאָך יידיש. איך בין אָבער זיכער, אַז אונדזער מאַמע־לשון וועט נישט אונטערגיין, עס וועט ווידער אויפֿלעבן. אָפּט דאַרף מען האָבן אַ נס, מיר גלייבן דאָך אין נסים; דאָס נאַטירלעכע און דאָס נסימדיקע פֿאָרמירן די סובסטאַנץ פֿון יידישן קיום. ווי האָט געזאָגט חיים וויצמאַן - אַ ייד וואָס גלייבט נישט אין קיין נסים איז נישט קיין רעאַליסט...

אין לאַטיין אין פֿאַראַן דער אויסדרוק Credo Quam Vis Absurdum איך גלייב אַפֿילו ווען ס'איז אַבסורד.

זענען מיר טאַקע דאָ און דאָרט אַן אויפֿלעבונג פֿון יידיש און מיר קוקן מיט האָפֿנונג און גלויבן אין דער צוקונפֿט.

און סוף פון אַרבעט־טאָג. אויף די גאַסן האָבן געזונטע יידישע טרעגער־יונגען געטראָגן באַלנס מיט פּאַרטיקער סחורה אָדער פּעק מיט וואָל און ביינוול פּאַר די טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען. אַרומגעגאַרטלט מיט שווערן שטריק, זענען זייערע פּלייצעס פרי איינגעהויקערט געוואָרן אונטער דער שווערער משא. אין גרויע הייזער מיט דורכגאַנג־הויפן האָבן, פון דער אַנדערער זייט שטאָט, געקלאַפּט וועבשטולן, האָרעפּאַשנע כאַלופּניקעס (היים־אַרבעטער) האָבן באַוויגן די קעטעס און געמאַכט די שענסטע גאַבעלינען. פון די ווענט זענען וואַסער־טראָפּנס אַראָפּגערונען, און נישט איין מאָל האָט איבערגעריסן דעם געררויש אַ טרוקענער הוסט. יענעם טייל שטאָט האָט מען גערופן "באַלוט". און צווישן איין הוסט און צווייטן האָבן לידער זיך אַריינגעפּלאָכטן אין די געוועבן, לידער וועגן אַ בעסערן מאָרגן און שענערע טעג. און ווו נישט ווו איז אַ בוים געשטאַנען. האָבן קליינע קינדער אַרום דעם בוים אין אַ קאַראַהאָד געשוועבט און געהאָפּקעט צום טאַקט פון אַ ליד. ערגעץ אַנדערשוו האָבן רינע שטימעלעך אין חדרים מיטגעזאָגט און פאַרצויגן אַ ניגון צוזאַמען מיט דעם רבין. אויך גרינע פּאַרקן זענען געווען, פול מיט בלומען, ווו יונגע פּאָרלעך זענען שפּאַצירן געגאַנגען און געשפּונען חלומות. און טעאַטערס זענען פול געווען מיט באַזוכער. און יידישע שולן געווען, ביבליאָטעקן, פּאַרטייען, ספּאָרט־קלובן, און ווינקלען ווו די אינטעליגענץ האָט זיך געזאַמלט, ווו אָנהייבער האָבן די ערשטע טריט געשטעלט אין דער ליטעראַרישער וועלט.

אָט דאָ, אין דער שטאָט, האָט געלעבט, געווירקט, געשאַפן און זיין ברייטע פּעלערינע פונאַנדערגעשפּרייט דער מערקווירדיקער דיכטער משה בראָדערזאָן, דער ווודערלעכער פּראָדוקט פון יידישן לעבן, פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. בראָדערזאָן – "דאָס קינד פון מאָסקווע" – ווערט דער פּאָעט פון לאָדזש, און דורך איר, דער פּאָעט פון יידישן פאָלק. דער גרויש מאָסקווע פון יאָר 1891 פאַרטראָגט אים מיט זיינע עלטערן העט ווייט, און ער וועט עס שפּעטער פאַרפּיקסירן אין די ווערטער: "מיר זענען קינדער פון אַ פּאָלק, וואָס גאָט באַשאָנקען האָט אין מדבר נאָך מיט אַ באַרג, אַ הויקער פון געדולד".

עס דערמאָנען זיך די קיילעכדיקע טישן, באַדעקטע מיט ווייסע טישטעכער, אין אַ גרויסער געביידע אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. אַרום די טישן זיצן מאָדנע טיפּן – די הענט באַוועגן זיך, די שטימעס – הויכע, טייל זינגען, טייל רעדן, אַנדערע לייגן אַרויס אויף די טישן זייערע צייכענונגען, מאָלערייען. דער שפּעטער באַוווסטער קינסטלער אַרטור שיק "פּירט" אַ באַזונדערן טיש, און ביי איינעם פון די טישן זיצט דער "פּרינץ", אַ הויכער מאַן מיט אַ לאַנגער נאָז, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, אַ געדיכטע טשופּרינע האָר מיט אַ שרונט אין מיטן. זיין שטימע איז אַ שטאַרקע, מאָדנע וואַרעם, ער זשעסטיקולירט מיט די לאַנגע הענט. עס איז פריילעך, די "כאַליאַסטרע" איז דאָ אין דעם רעסטאָראַן "אַסטאָריאַ", דעם טרעפפונקט פון דער יידישער באָהעמע.

דאָרט, ביי יענע קיילעכדיקע טישן זענען געשפּונען געוואָרן חלומות וואָס זענען שפּעטער פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לידער, דערציילונגען, מאָלערייען, סקולפּטורן. די נישט דרייסטע, שעמעוודיקע, יענע וואָס האָבן זייערע ערשטע טריט געשטעלט אין פעלד פון ליטעראַטור און קונסט, האָט דער "פּרינץ", משה בראָדערזאָן צוגעטוליעט, אָנגעוואָרעמט און דערמוטיקט. דער יונגער, בלאַסער חסידישער בחור מיט דער לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע, שמחה בונים שייעוויטש, האָט זיינע ערשטע לידער פּאַר בראָדערזאָנען געלייענט, און שפּעטער, אין דער טראַגישער אומקום־צייט, איז ער

געוואָרן דער זינגער פון געטאָ, דער מחבר פון דער אויפטרייסלענדיקער געטאָ־פּאָעמע "לך לך".

משה בראָדערזאָן האָט זיי אַלעמען מיט זיין ברייטער פּעלערינע אַרומגענומען, געוואָרן זייער ראַטגעבער, דאָס אויער און בויער פון דער נייער, צעשפּרודלטער "כאַליאַסטרע". ער איז געווען דער פרישער ווינט וואָס האָט אָנגעהויבן בלאָזן אין יעדן ווינקל פון דער דערוואַכנדיקער יידישער קולטור אין שטאָט און ווייט אויסער אירע גרענעצן. און ווייל ער איז געווען אַזוי פילזייטיק, האָט ער זוימען אומעטום פּאַרזייט און די שפּראָצונגען זענען אויפגעקומען אין אַ פילקאָלירקן בוקעט פון יידישער שאַפונג, פון דיכטונג, געזאַנג, דראַמע, טעאַטער און פּראָזע.

ווען און פון וואַנען איז צו אונדז בראָדערזאָן געקומען? דורך וועלכע וועגן האָט אים דער גורל געבראַכט צו אונדז קיין לאָדזש?

געבוירן אין מאָסקווע דעם 23־טן נאָוועמבער 1890 ביי באַלעבאַטישע עלטערן – דער פאָטער אַ שקלאָוער ייד – האָט די משפחה נאָך די אַנטיסעמיטישע אומרוען אין מאָסקווע פּאַרלאָזט די שטאָט און זיך באַזעצט אין לאָדזש. משה קריגט זיין ערשטע יידישע דערציונג אין נעסוויעזש, ווייסרוסלאַנד, ביי זיין זיידן ר' שמואל לייב טוראָוו, און שפּעטער קומט ער צוריק צו די עלטערן קיין לאָדזש, ווו ער באַזוכט די האַנדל־שול און דאַרף ווערן אַ בוכהאַלטער. אָבער דער יונגער בראָדערזאָן לעבט אין אַ מערקווירדיקער צייט. זיין סענסיטיוו אויער און וואַרעם האַרץ אָבסערווירן די געשעענישן אינעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. די רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, דער טרוים פון פרייהייט באַפליגלען יונגע נשמות. ער דעביוטירט מיט זיינע ערשטע שאַפונגען אין דעם טראַגישן יאָר 1914 – אַ זאַמלונג לידער א.נ. "שוואַרצע פליטערלעך". זיין האַרץ איז איבערפולט מיט געפילן, מיט דעם געפילדער פון דער צייט, מיט אָפּטימיזם און גלויבן אין דער צוקונפט, נישט געקוקט אויף דער שווערער סיטואַציע אין דער וועלט.

אין 1921־טן יאָר דערשיינט משה בראָדערזאָנס בוך "איבערגאַנג" אין וועלכן ער שרייבט די כאַראַקטעריסטישע שורות: "מיט אַ האַרץ־קלאַפּן זינג איך אַרויס אין דער



ביים ארון פון משה בראָדערזאָן
פון רעכטס: דיכטער וואָלף־הערש איוואַן, אַקטריסע רות קאַמינסקי און משה שקליאַר

וועלט די ראָזיקע לידער מײַנע די ווידערקלאַנגען פֿון דער וועלטס און פֿון מײַנע בלוטיקע קאַטאַקליזמען - באַגײַסטערונגען. עפּעס ציטערט מײַן אויג, איך זע אין ווייען אַן אויפֿגעשטורעמטן קאָסמאָס, איך זע אין דעם חרוב ווערן - דעם געבורט, איך זע אויך דעם חושך". ווײַזיאָנעריש, דורכויס נבֿאיש זענען אָט די ווערטער פֿון דעם יונגן דיכטער! זײַן פֿאָרוואָרט צום בוך איז אַלײן אַ געזאַנג, אַן אני־מאמין. אַן אָנזאָג פֿון זײַן שפּעטערדיקן שאַפֿונג־וועג. אין יענעם בוך קומט שוין צום אויסדרוק דעם דיכטערס וועלט־באַנעם, זײַן רײַכער וואָרט־אוצר און שפּילעוודיקייט, די מוזיקאַלישקייט פֿון פּערז, דער פֿאָלקישער הומאָר און מענטשן־ליבע; אַ רעשטלאָזע איבערגעגעבנקייט צום ברודער־פּאָעט, צום ברודער־קינסטלער, שפּעטער וואָס וועט שוין פֿאַרבלײַבן מיט אים ביז צו די טראַגישע סוף־טעג פֿון זײַן לעבן.

אין זײַן פּאָעמע א.ג. "ווען עס שטאַרבט אין פֿרילינגס־יאָרן אַ פּאָעט" שרײַבט דער דיכטער: "ווען עס שטאַרבט אין פֿרילינגס־יאָרן אַ פּאָעט / דער ייִנגסטער פֿון אַ דור / באַגלײט פֿון די חלומות נישט דערוועבטע / ווערטער נישט דעררעדטע / און פֿון די קלאַנגען נישט דערזונגענע - אַ כאָר / ווען עס שטאַרבט אין פֿרילינגס־יאָרן אַ פּאָעט / ראַן פֿלאַטערט זײַן נשמה קלאָר / מיט ווײַסע פֿליגלען פֿון אַנטציקונג יונג אַ פּאָר / אין אײביקייטן בלוי, דרײסט - און דאָס איז די טרײסט".

די דיכטער פֿון יענער צײַט זענען אַלע געקומען, ווי בראָדערזאָן זאָגט "מיט אַ צעהוליעט האַרץ". מיט ברײטע געזאַנגען ווי אַ צעברויזטער ים זענען זײ געגאַנגען זײער וועג צו ווערן געהערט, צו וועקן, ענדערן דעם סדר פֿון דער וועלט! אָט דער דראַנג איז נישט נאָר געווען אין דער ייִדישער דיכטונג. ער איז געווען אין דער רוסישער, פּוילישער פֿראַנצויזישער פּאָעזיע. בראָדערזאָן האָט זײ אַלע פֿאַרייִדישט, און די אַלגעמײנע ברויזנדיקע קוואַלן זענען עכט ייִדישע געוואָרן.

זײַן אידעע צו פֿאַראײניקן אונטער אײן דאַך דיכטונג, מאָלערײַ, טאַנץ, דראַמע, איז געווען יונג און נײַ און ער האָט זי פֿאַרווירקלעכט אין לויף פֿון זײַן צײַט. אין דעם מערקווירדיקן ליד, וואָס וועט ווערן אַ הימען, אַ לויב־געזאַנג צו די נײַע שטרעמונגען, זינגט ער (מיט דעם באַרימטן לאַטײנישן לאָזונג וואָס האָט געוועקט די רוימער צום קאַמף "Per Aspera Ad Astra" וואָס מײנט - דורך די שווערסטע וועגן צו די שטערן, דורך קאַמף צו זיג: "מיר, יונגען, מיר, אַ פֿרײלעכע צעזונגענע כאַליאַסטרע, מיר גײען אין אַן אומבאַוווּסטן וועג, אין טיפֿע מרה־שחורהדיקע טעג, אין נעכט פֿון שרעק -" "און ס'ווערן שטערן - טרערן / און טרערן ווערן שטערן / און טויבע הײבן אָן צו הערן / און אַלדאָס גוטס מקוים ווערן / ס'איז שווער דער וועג וואָס פֿירט צו שטערן. / הײ, ווײניקער אַ ביסל קלערן!"

זײַן אָפּטימיזם, זײַן אומגעהויערע ענערגיע צו שאַפֿן און בויען האָבן אין דער צעשטורעמטקייט פֿון דער וועלט און אין דעם ייִדישן שאַפֿונג־פּראָצעס אָנגעשטעקט די יונגע און זײ געגעבן מוט און אינהאַלט. משה בראָדערזאָן רופֿט זיך איבער אין זײַן צײַט מיט די ייִדישע מאָדערניסטן אין אַמעריקע, מיט פּרץ מאַרקישן אין וואַרשע און אין רוסלאַנד, מיט קולבאַקן אין דער ליטע און מיט אַלעקסאַנדער בלאָקן און מאַיאַקאָווסקין אין מאָסקווע. אַלע האָבן זײ געפֿילט דעם פֿרילינג פֿון שאַפֿן און באַשאַפֿן.

אין יענע צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן איז צום לעבן געקומען אין לאָדזש די גרופּע קינסטלער "יונג ייִדיש" וואָס איז באַשטאַנען פֿון דיכטער, מאָלער, מוזיקער און אַקטיאָרן. אין יענער צײַט האָט דער אײביק יונגער בראָדערזאָן געשאַפֿן דעם

קליינקונסט־טעאַטער וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע ווי דער שטרעוועער פון יידישן פּאָלקישן מאָדערניזם, עס איז געבוירן געוואָרן דער "אררט". און, ווי האָט בראָדערזאָן געזאָגט: "די קונצנמאַכערס קאָמעדיאַנטן האָבן געפונען אַ תיקון" - און זיי וועלן דערפרייען די הערצער פון טויזנטער פאַרומערטע מענטשן. ער האָט אויף דער טעאַטער־בינע אַרויפגעבראַכט די שטערן פון קונסט - די אַקטיאָרן פּולאַוער, דזשיגאַן און שומאַכער, די פּרעכטיקע שיינע־מרים בראָדערזאָן, די מוזיקער הענעך קאָהן און דוד בייגעלמאַן, דעם מאָלער אַרטור שיק. דער "אררט" איז געוואָרן וועלט־באַרימט. די פרישקייט און פשוטקייט, דער הויכער קינסטלערישער ניוואָ און פאָלקסטימלעכקייט האָבן אַריינגעבראַכט לעבן אין דער שטאַרק פאַרזאָרגטער יידישערווירקלעכקייט.

משה בראָדערזאָן, מיט דער הילף פון זיינע מיטאַרבעטער, האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל נייקייט אינעם פעלד פון טעאַטער, פון די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, מוזיק, אַפילו די אייגנאַרטיקייט פון יידיש־דיאַלעקטן. ער האָט געהאַלטן, אַז "ליטוויש" קען הויזן מיט דעם לאָדזער און וואַרשעווער יידיש פון דזשיגאַן און שומאַכער. און די גרינע בערד און רויטע בערד האָבן געשאַפן דעם קאָלאָריט און נישט צעשטערט די פאָלקסטימלעכקייט. דער "אררט" איז געוואָרן דער טרעפפּונקט פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס האָט דאָרט געפונען פרייד, געפונען זיך! שטראָמען האָבן געצויגן אין טעאַטער, קינד און קייט - און משה בראָדערזאָן האָט געקיניגט איבער אַלץ און אַלעמען, אין זיינע אויגן האָבן פייערלעך זיך צעצונדן, און דורך זיי האָט ער שוין אַנדערע וויזיעס געזען, ווי ווייטער צוווירקן, ווי ווייטער צו שאַפן.

בראָדערזאָן איז דער מייסטער פון שפּראַך. זיין רייכקייט פון ווערטער איז אומגעהויער. און דאָך וויל ער פאַרבלייבן פאָלקסטימלעך, צוגאַנגלעך. ער פילט אויף זיך די אחריות פאַר דעם מיטמענטש און אויך אַ יידיש־היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דרינגט אַרויס פון זיין ליבע צום פאָלק. מיר זעען עס בולט אינעם ליד "צער ליליען" (בלומען): "איך טראָג אויף מיין קאַרק דעם באַרג סיני פון ליבע / און וועל איך נאָר צוויפלען - באַגראָבט מיך דער באַרג. / אין טעג און אין נעכט פון די אומעטן טריבע, / איך טראָג אויף מיין קאַרק דעם באַרג סיני פון ליבע / און כ'וויס נישט פון ווייטיק פון מיינעם די סיבה, / און שטאַרק איז מיין טרער - מיין בטחון שטאַרק / וועןן כ'טראָג אויף מיין קאַרק דעם באַרג סיני פון ליבע. / און וועל איך נאָר צווייפלען, באַגראָבט מיך דער באַרג".

אָפּט מאָל טראַכט איך: פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אָט דעם מענטשן דער קאָלאָסאַלער ברען און שאַפונג־סטיכיע? משה בראָדערזאָן איז טעטיק אין יעדן ווינקל פון יידישן לעבן - איז מיטאַרבעטער פון צייטונגען, איבערזעצער פון דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור, דראַמאַטורג, שעפער פון קורצע היסטאָרישע טעאַטער־שפּילן (דראַמאָלעטן), ווי "אויטאָ־דאַ־פע", שיילאָק לאַכט", "זיין הויקער" (וואָס ווייזט אַ שמועס פון דעם יידישן פילאָסאָף משה מענדעלסאָן מיט גוגענהיימען). די אַלע ווערק ווערן געשריבן שוין אין דער צייט ווען עס הענגט איבער אונדז די שוואַרצע כמאַרע פון אָנקומענדיקן חורבן. בראָדערזאָנס איינגעוואָרצלטקייט אין זיין שטאָט, די אַטמאָספער פון דעם אַרום, די שאַפער וואָס האָבן דאָ געלעבט אין יענעם פעריאָד האָבן געהאָלפן אין זיין פראָליפישן שאַפן.

מיר זענען אין לאָדזש געבענטשט געווען מיט די גיגאַנטן פון דער יידישער ליטעראַטור - יצחק קאַצנעלסאָן, זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, י.י. טרונק; יידישע מוזיקער,

קינסטלער־פּלאַסטיקער. דאָ האָט געלעבט און געווירקט דער גרויסער אַרטור שיק, וועלכער האָט די גאַנצע צייט מיטגעאַרבעט מיט בראָדערזאָנען, אילוסטרירנדיק זיינע שאַפונגען. אין דער יידישער פאָלקס־שול אין לאָדזש, ווי אויך אין אַנדערע שטעט פון פוילן און אין אַנדערע יידישע ישובים האָבן אָפּגעהילכט בראָדערזאָנס האַרציקע קינדער־לידער "ציפּעלע", פעלדער גרינע, וועלדער רוישן", "יידן שמידן", "קלינגען גלאָקן", ווי אויך האַרציקע קינדער־מעשיות וועגן דער "באָבע יאַכנע", "ציגל־בערדל" און אַנדערע.

בראָדערזאָן איז געווען פול מיט ליבע - ליבע צום קינד, צו דער אַרומיקער סביבה, צו וואַלד און פעלד, צום ברודער ייד. זיין בעכער איז געווען פול, דעריבער איז זיין שאַפונג־וועג אַזאַ רייכער. ער איז וועלטלען און יידיש־נאַציאָנאַל. זיין אויער פאַר שפּראַך איז שאַרף, ער נעמט אויף אַלע ניאַנסן פון וואָרט. דאָס יידישע וואָרט ווערט ביי אים מוזיק, ריטעם, פאַרעם, קלאַנג. הייליק איז ביי בראָדערזאָנען געווען דער ייד, הייליק אַלדאָס מענטלשעכע! ווייל בראָדערזאָן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס מענטשלעכע, ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאַנצקייט. ייד - מענטש, שרייבער; ליד, געזאַנג, טאַנץ־באַוועגונג - אַלץ האָט אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פון זיין שאַפונג.

...איז בראָדערזאָנס גרויסע שוואַרצע פעלערינע נאָך שוואַרצער געוואָרן אויף די וועגן און שטעגן פון ווייטן "רויטן גען־עדן", צעבראָכן, פאַרשטומט איז אונדזער זינגער געוואָרן. "דאָ דאַרף מען גאָרנישט פרעגן"... און טויזנט "פאַרוואָסן" האָבן גענומען עקבערן זיין מוח. אין אַ ליד א.ג. "שרעק", געשריבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר זיין פאַרשיקונג, און איבערגעגעבן דורך זיין פרוי שיינע־מרים, שרייבט בראָדערזאָן: "מיט טויט איך פיר אַן אייביקן אַ שווערן קריג / ער גייט אויף מיר פון אַלע זייטן, אַלע עקן / אין קאַמף מיט אים איך ווייס נישט פון קיין טריט צוריק / כ'האָב מורא נאָר - דאָס לעבן זאָל מיך נישט דערשרעקן".

זיין האַרץ איז פול מיט אַנטוישונג, פּיין, ער וויל וויינען און שרייען אויף דער אומגערעכטיקייט, און דאָס מויל איז שטום. פינף יאָר איז ער געווען אויף פאַרשיקונג אינעם לאַנד ווו ס'האָט פריי געזאָלט טעמען דער מענטש... פינף יאָר וואָס האָבן דערהרגעט דעם שעפערישן, מענטשלעכסטן שרייבער. אין יאָר 1956 קומט משה בראָדערזאָן צוריק קיין פוילן, אויף דעם גרויסן שטומען בית־הקברות. די יידישע גאַסן - מיט גראָז באַוואַקסן. דאָרט, אין דער שטאָט לאָדזש, ווי אויך אין וואַרשע באַגעגנט ער רעשטלעך פון זיינע יידן, און דאָס צעריסענע, פול מיט ווייטיק האַרץ, פרייט זיך מיט יעדער באַגעגעניש. רעשטלעך, שמות, ווו איז דאָס פאָלק?! דעם 17־טן אויגוסט, עטלעכע וואָכן נאָכן צוריקקער קיין פוילן, האָט דאָס האַרץ פונעם דיכטער געפּלאַצט.

דער וועג האָט אים געדאַרפט פירן קיין ישראל, צו זיינע ליבסטע, אָבער דאָס האַרץ האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, די סטרונע איז איבערגעריסן געוואָרן. "באַרואיק זיך, אָ האַרץ מיינס - האָט ער אינעם לעצטן ליד געשריבן. - נישט געשטויגן נישט געפלויגן איז אַלץ אַרומעט / אומעט, צער, אַ טויטן־טאַנץ! / פאַר גוזמא די אויערן פאַרשטעל, מאַך צו די אויגן / באַרואיק זיך אָ האַרץ מיינס / נישט שטעל זיך אָפּ אין גאַנצן!"

דאָס האַרץ האָט אים נישט געפאָלגט און אָפּגעשטעלט דעם זינגער, דעם באַזינגער, דעם פלאַטער... און די שוואַרצע, ברייטע פעלירינע האָט צוגעדעקט משה בראָדערזאָנען. דער פאָרהאַנג איז פאַרצויגן געוואָרן, די שפּיל פאַרענדיקט. דער עכא נאָר בלייבט, בלייבט אויף אייביק!

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# דער קרבן פון זיין תאווה

ערגעץ גאָר ווייט. ערגעץ־ווו, ווו אַ מענטשלעכער פוס האָט נאָך ניט באַטראָטן, איז אַן אינדזל פּאַראַן אַזאַ ווו דער זומער וויל זיך ניט שיידן און די ביימער טוען זיך קליידן און צירן מיט די שענסטע רעגנבויגנדיקע קאָלירן און פאַרבלענדן די אויגן מיט זייערע בלומען, מיט זייערע פּרוכטן, וואָס גאָלדיקן אַרויס פון צווישן דעם בלעטערדיקן געוועב, ווו די טייכן, די וואַסער־קוואַלן מיט וואַסער־פאַלן שפּילן זיך אין אַן אומאויפהערלעכער באַהעלטעניש מיט די זונענשטראַלן, וואָס טובלען זיך אין די קילע שטראָמען און יובלען פון פאַרפרי ביזן לעצטן זונענגלי און עס וואַקסן דאָרט אַזעלכע זאַפטיקע, שלאַנקע גראָזן. גראָזן וואָס הייבן זיך, בייגן זיך און לייגן זיך מיט ווייכער הכנעה אַבי צו לעבן בשלום מיט די פאַרשייטע און חוצפּהדיקע ווינטן און ווינטעלעך, וואָס רוען ניט קיין איין מינוט.

צווישן אָט די הויך־צעוואַקסענע גראָזן האָט זיך געלעבט, געווימלט און געמערט אַ שבט אַ גאַנצער פון קריכערס. פון קריכערס, וואָס האָבן ניט זייערס גלייכן אויף אָט דעם אינדזל און טיילן זיך אויס מיט דעם, פון די איבעריקע ברואים און שרצים, וואָס די "זי" האָט פליגלען וואָס קאָנען ניט פליען און דער "ער" האָט פיס, וואָס קאָנען ניט שפּרייזן און נאָכן מזווג זיין זיך און נאָכן באַפרוכפּערט ווערן, מימתט די "זי" דעם "ער". דערשטיקט אים און זויגט פון אים אויס דאָס חיות און די נשמה און דאָס, וואָס בלייבט, ווערט פון ווינט צעשטויבט איבער אַלע עקן וועלט.

איז מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ביי איינע אַזאַ "זי" זענען געבוירן געוואָרן איינס נאָך איינס אַכט גערָאָטענע טעכטער. איז די מאַמע געווען גליקלעך און די טעכטער - גליקלעך, ווייל זיי וועלן אויסמיידן דעם גרויליקן גורל פון אַן "ער".

האָבן זיך די טעכטער געהאָדעוועט אין נחת און אין פרייד. זייערע קליינע פליגל האָבן ביסלעכווייז איינגעזאַפּט אין זיך אַלע שיינקייטן פון דער וועלט. יעדע פאָר פליגל - אַ צירונג פאַר זיך.

איז אָבער דער מאַמען ניט באַשערט געווען אַדורכצוקריכן איר לעבן אָן שטרויכלונגען, אָן אויפטרייסלונגען, אָן צו קאָנען ווייטער זיך באַרימען מיט איר משפּחדיקן פאַרמעג, ווייל אין איינעם פון די טעג איז, ביים נייַנטן געבורט, אַרויס פון איר טראַכט אַ בן־זכר - אַ פּראַכט. טאַקע אַ פּראַכט, אָבער זיין גורל איז דאָך געווען פון פאָרויס באַשטימט און געחתמעט.

ווי און ווינד צו דער מאַמען! בעסער שוין צו ווערן בלינד. בעסער שוין זיך צו הענגען, איידער מקריב זיין איר אייגן קינד! אין סאַמע מיטן פון זיין בלי, אין סאַמע מיט פון זיין וווקס וועט ער געשליידערט ווערן אינעם שוואַרצן אויסהויל פון פאַרגיין, פון ניט זיין, פון ניט ווערן! אַלץ אין איר האָט זיך געבונטעוועט. אַלץ אין איר האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם קדמונישן געבאָט פון דעם גרויזאַמען גאָט. דעם גאָט פון דעם קריכער־פאָלק.

דערווייל איז דער בן־יחיד געוואַקסן אונטער זיין מאַמעס פאַרדאגהטן בליק. פון אַ שוואַכלינג, פון אַן אָפּגעציטערט קריכערל, אַ הייב זיך געטאָן, אַ צעצי זיך געטאָן אין דער לענג און אין דער ברייט - אַ פאָלנער קריכער מיט וואַכע חושים און געזונטע

גלידער און עס האָט אים גענומען ציען צו דעם פליגלדיקן מין. עס האָט אים צו זיי געצויגן ווי אַ בין צו אַ בלום.

ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג און ביז די מאַמע האָט אים ניט דערזען, איז איר שיעור די אויגן פון קאָפּ ניט אַרויס. ער האָט אַרומגעפּויזעט, אַרומגעקראָכן און גענישטערט צווישן ביימער, צווישן שטיינער און סתם זיך געלאָזן אויף די פרייע פעלדער. ער האָט עפּעס געזוכט און אַליין ניט געוווּסט וואָס ער זוכט.

אין איינעם פון די טעג, אויף אַ גאַר שמאָלן שטעג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יונגיקע קריכערין מיט צוויי צעלויכטענע פליגל, וואָס זענען ניט געווען ענלעך מיט זייער געבוי און גרייס צו זיינע שוועסטערס פליגל. מען האָט געזען, אַז זי איז ניט פון הי, אַז זי שטאַמט פון אַנדערע מקומות.

זי האָט צעשפּרייט אַרום זיך אַזאַ שאַרפן, קלעפּיקן ריח, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די געדערים, אויפגערודערט דאָס האַרץ און אָנגעצונדן אַזאַ תאווה, אַז מען האָט געקאָנט פאַרברענט ווערן אויפן אָרט.

ער האָט זיך געריכט, אַז זיין מאַמע און זיינע שוועסטערס וועלן דאָס אויפנעמען מיט פרייד און מיט געזאַנג. האָבן אָבער די שוועסטערס אַראָפּגעלאָזט די שמאָלע קעפּ און זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען. די מאַמע האָט מיט פאַרבראָכענע פליגל אים גענומען אין אַ זייט און אים אַריינגעשושקעט אין אויער דעם שרעקלעכן סוד צו וואָס ליבע קאָן דערפירן.

ער האָט געהערט דער מאַמעס רייד. פאַרשטאַנען וואָס די מאַמע מיינט. אויף וואָס די מאַמע קלאָגט און וויינט.

ער האָט פאַמעלעך אויסגעגלייכט אירע צעווייטאָקטע פליגל און מיט אַ הייס מויל פאַרזיגלט אין זיי דעם גאַנצן רעספּעקט און די גאַנצע ליבע, וואָס אַ זון פילט צו אַ מאַמען, אָבער מאַמע־ליבע איז ניט יענע ליבע, וואָס האָט געריזלט אין זיינע אָדערן פון זינט ער האָט באַגעגנט יענער יונגיקער קריכערין וואָס איז צו אים געקומען פון ווי ווייט און זי וואַרט שוין אויף אים אויפן גראָז־געלעגער.

ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן. ער האָט פאַרטריבן פון זיך די מחשבה, אַז אָט די צוויי דורכזיכטיקע פליגל, מיט וועלכע זי וועט אים אָט באַלד אַרומהילן, גלעטן זיינע צעגליטע גלידער און איר צעציטערטן, צעצאַפּלטן גוף צוטוליען צו זיינעם - אַבי צו זיין אינאיינעם. איין גוף, איין נשמה און אין העכסטן אויפברויז, אין העכסטן ספּאַזם. ווען זיינע זוימען וועלן זיך פון אים אָפּטיילן און אַריינדרינגען אין איר - וועלן אירע פליגלען, די בייגעוודיקע, לאַשטשענדיקע פליגלען מסוגל זיין, אין איין אויגנבליק, צו פאַרוואַנדלען זיך אין צוויי האַרטע, שאַרסטקע שטריק פון וועלכע ער וועט סוף כל סוף ווערן דערוואָרגן און דערשטיקט. ער האָט דאָס געוווּסט און דאָך, און דאָך האָט ער זיך געלאָזן צו יענעם געגאַרטן, לאָקנדיקן געלעגער, פון וועלכן מען קערט זיך מער ניט אום. פון וועלכן מען קומט שוין מער ניט צוריק.

יעקב בסר (בעסער)

# איך דערקען דאָס פּנים פון מיין מאַמע

## פון דער מאָדערנער העברעישער פּאָעזיע

איך דערקען דאָס פּנים פון מיין מאַמע
אין די פּנימער פון אַנדערע פרויען
וואָס גייען מיר פאַרביי

אין יעדער פון זיי איז פאַראַן
אַ באַקאַנטער שטריך
פון איר געזיכט

די פּאָזיציע פון קאָפּ
איין מויל־ווינקל אַראָפּגעלאָזט
דאָס צווייטע – אַ ביסל פאַהרויבן

די ברעמען און די וויעס
האָבן נאָך אויפגעהיט דאָס שוואַרץ
נאָר דער קאָפּ איז ווייס געוואָרן

דער עיקר אָבער דער משופּעדיקער נייג
פון איר האַלדז
וואָס ווייזט אָן אויף עפּעס אַ
נאָכגיביקייט
און חרטה

עס איז אַזוי בולט דאָס ציען זיך
פונעם מויל־ווינקל צו דער נידער
ווי פון שווערן בליי געשלעפּט

און פון דער אַנדערער זייט
אַ שמייכל אַזאַ פון אַן איבערבעטן זיך

איך דערקען מיין מאַמע אין די פּנימער
פון פיל פרויען, מער ווינציקער אין איר
עלטער,
זי גייט מיר אַנטקעגן פון דער ווייט
אין יולי – איבערהויפּט ביים סוף פונעם
חודש,
אויגוסט קומט ניט אין באַטראַכט.

אין סעפּטעמבער האָט זיך ביי איר
אויסגעלאָזט דער נאָכגיביקער שמייכל,
אפשר צוליב דער שווערקייט פונעם
בליי
וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין די
ווינקלען פון איר מויל
און מיט צעשפּרייטע אָרעמס איז זי
אַריינגעזונקען אין זיך

פון דעמאָלט אָן דערקען איך זי
אין די פּנימער פון אַנדערע פרויען

פון העברעיש: צבי אייזנמאַן


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

פאַרוואַלטונג "חשבון" Phone: (310) 820-2976

משה שקליאַר

# אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן *

## צום 75־טן געבוירנטאָג פון ד"ר משה וואָלף



בעת אונדזער ערשטער באַגעגעניש מיט ד"ר משה וואָלפן, געווען איז עס אין ל.א. יידישן קולטור־קלוב ווען ער איז געקומען אַהער מיט אַ לעקציע און אַן אויפטראָג צו זאַמלען געלט פאַר דעם מאָסקווער זשורנאַל "די יידישע גאַס" וואָס האָט געדישנט "סאָוועטיש היימלאַנד", האָב איך געפרעגט וועגן דעם אָפשטאַם פון זיין נאָמען, ווייל עפעס האָט ער, דער נאָמען, מיר אויסגעזען קענטלעך. דעמאָלט האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז אויב איך שטאַם פון וואַרשע, האָב איך אַוודאי געהערט וועגן געבעטנער און וואָלף. אַט פון יענע וואָלפס שטאַמט ער. פאַר מיר איז מיט אַ מאָל אויפגעקומען די פאַר־מלחמהדיקע וואַרשע און די בוכהאַנדלונג "געבעטנער און וואָלף", ווו איך פלעג קויפן מיינע שולביכער, ווו עס איז שטענדיק געווען טומלדיק, פול מיט מענטשן און ווו מען האָט אַלע מאָל געקאָנט טרעפן אַ באַקאַנטן. עס איז אויפגעקומען פאַר מיר די יידישע געגנט, די אָרעמע גאַסן און געסלעך, די מער פאַרמעגלעכע גאַסן, ווו משה וואָלף איז אויפגעוואַקסן, און עפעס איז ער מיר באַלד געוואָרן נאָענט און היימיש.

פאַקטיש האָבן מיר זיך געקאָנט באַגעגענען ערגעץ אויף קראָקעווער פאָרשטאָט, ווו משה וואָלף האָט געלעבט ביז דער מלחמה. זענען מיר דאָך כמעט פון איין עלטער. מיר האָבן זיך געקאָנט טרעפן אויפן וועג צום זאַקסישן גאָרטן, וואָס האָט געפירט פון מיינע הינטערגאַסן דורך קראָקעווער פאָרשטאָט און דער קרולעווסקע־גאַס. אָבער מיר האָבן זיך נישט באַגעגנט. געדאַרפט וואַרטן אַן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט. דערפאַר האָט די באַגעגעניש אַרויסגרופן ביי מיר אַזאַ גרויסן אינטערעס. ביסלעכווייז האָב איך זיך אָנגעהויבן באַקענען נישט בלויז מיט זיינע שריפטן, נאָר אויך מיט זיין ביאָגראַפיע, און ווי באַוווּסט איז די ביאָגראַפיע פון אַ שרייבער ביז גאָר וויכטיק כדי צו פאַרשטיין נישט בלויז זיין שאַפן, נאָר אויך "וואָס אין פידעלע שטעקט"...

און היות דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע ביאָגראַפיע, נאָר אַזאַ וואָס פאַרשפיגלט די געראַנגלען פון אַ דור וואָס גייט ביסלעכווייז אַוועק און וועט סוף כל סוף פאַרגעסן ווערן, ווייל אַזאַ איז די לאָגיק פון דער מענטשלעכער געשיכטע, איז כדאי זיך באַקענען מיט איר ווען מיר מערקן אָפּ אַ מענטשנס דריי פערטל יאָרהונדערט לעבן אויף אונדזער זינדיקער ערד, און דערפון לאַנגע יאָרן ליידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָס האָט געדאַרפט ברענגען אויסלייזונג פאַר מענטש און ייד, און אָנשטאָט דעם געבראַכט פאַרשקלאַפונג, אַנטיסעמיטיזם און פעלקער־שנאה.

---

* באַגריסונג־רעדע אויף דער מסיבה לכבוד משה וואָלפס 75־טן געבוירנטאָג.

נישט געקוקט אויף די ליידן, אויף די שבעה מדורי גיהנום וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, האָט ער, משה וואָלף, זיך דערשלאָגן צו אַן אָנגעזעענער פּאָזיציע אין לעבן, אין דער געזעלשאַפט, פֿאַרענדיקט מעדיצינישע שטודיעס, געוואָרן אַ באַוווסטער דאָקטאָר־פּסיכיאַטער און אָנפֿירער פֿון אַ פּסיכיאַטרישער קליניק אין מאָסקווע. און לסוף, וואָס אונדז אינטערעסירט צום מערסטן, געוואָרן אַ יידישער שרייבער און פֿאָלגט נאָך מיט זיין פּען, שוין עטלעכע צענדליק יאָר, די וועגן און שטעגן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט, דערמוטיקנדיק די לעבעדיקע שרייבערס און קינסטלערס און נישט לאָזנדיק פֿאַרגעסן ווערן יענע, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם בלוטיקן סטאַלין־רעזשים אָדער זענען אַוועק אין דער אייביקייט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן.

נאָר דאָ זענען מיר שוין ווייט פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. געוואָלט האָבן מיר רעדן וועגן משה וואָלפֿס ביאָגראַפֿיע, וואָס עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ געלעגנהייט פֿון אָפּמערקן דעם 75־טן געבוירנטאָג פֿון אַ נישט געוויינטלעכן מענטש.

אין דער קורצער ביאָגראַפֿישער נאָטיץ, אָדער ספּראַווקע, ווי מען רופֿט עס אין רוסיש, דערוויסן מיר זיך:

משה וואָלף איז געבוירן אין וואַרשע, דעם 10־טן אַפּריל 1922: דערצויגן געוואָרן אין אַן אָרטאָדאָקסישער משפּחה. אין 1938 פֿאַרענדיקט די העברעישע גימנאַזיע "תרבות". אַחוץ דעם, 13 יאָר פּריוואַט שטודירט יהדות (תנך, משנה, גמראָ, הלכה א. אַ.), אין 1938 אָנגעקומען אין מעדיצינישן פֿאַקולטעט. נאָך דעם ווי די דייטשישע מערדער זענען אָנגעפֿאַלן אויף פּוילן – אַנטלאָפֿן פֿון מעריב־אוקראַינע קיין סטאַלינגראַד. דאָרט פֿאַרענדיקט דעם מעדיצינישן אינסטיטוט, געקעמפֿט אין די רייען פֿון דער רויטער אַרמיי, אין די שלאַכטן געוואָרן פֿאַרוווּנדעט. אין 1950 געוואָרן פֿאַרשיקט אין די הרי החשך פֿון די ווייט־צפֿון סיבירער קאַנטן. באַפֿרייט אין 1956. ביז 1992 געלעבט און געאַרבעט אין מאָסקווע אַלס פּסיכיאַטער. די לעצטע 25 יאָר געווען אַן אָנפֿירער פֿון אַ גרויסער פּסיכיאַטרישער קליניק. פֿאַרעפֿנטלעכט 120 אַרטיקלען און 5 מאָנאָגראַפֿיעס אין געביט פֿון פּסיכיאַטריע.

אַ סך יאָרן געווען טעטיק אין דעם יידישן זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" און אין דער "יידישע גאַס". (מאָסקווע) דאָרט פֿאַרעפֿנטלעכט צענדליקער אָפּהאַנדלונגען איבער יידיש ליטעראַרישע און קולטור־פּראָבלעמען. אין 1989 איז אין מאָסקווע דערשינען אונטער זיין רעדאַקציע דאָס זאַמל־בוך "איניינעם" און אין 1992 זיין בוך 'אומרו און גלויבן".

געקומען קיין אַמעריקע (פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן) אין 1992. דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט (אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן "יידישע קולטור", נ"י, "צוקונפֿט" נ"י און "חשבון" ל.אַ.) 20 עסייען, געווידמעט דעם לעבן און שאַפֿן פֿון אַ ריי אָנגעזעענע קינסטלערס, שרייבערס און דיכטערס פֿון דעם אַמאָליקן ראַטנפֿאַרבאַנד, און אויך פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע.

אָט די קורצע "ספּראַווקע" איז כדאי צו דעשיפֿרירן, רעדן וועגן איר אַ ביסל גענויער, אַנדערש וועלן מיר נישט האָבן קיין פֿול בילד פֿון אונדזער בעל־היובל און זיינע אויפֿטוען. ווי געזאָגט איז די ביאָגראַפֿיע זיינע נישט קיין געוויינטלעכע. זי גרייכט אויף צוריק היפּשע עטלעכע דורות און הייבט זיך אָן, פֿון באַקאַנטע קוואַלן, בעת דער עלטער־עלטער־זיידע, וועלכער איז געקומען פֿון דייטשלאַנד קיין פּוילן און דאָרט, אין וואַרשע פֿאַרלייגט אַ דרוקעריי צוזאַמען מיט דעם דערמאָנטן געבעטנער, אַ דייטש, שפּעטער האָבן זיי געעפֿנט אַ פֿאַרלאַג און אַ גרויסע בוכהאַנדלונג וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט. די בוכהאַנדלונג האָט עקזיסטירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, הגם די אייגנטימער זענען שוין פֿון לאַנג געווען אַנדערע.

פֿון אָט דער משפּחה, אין פֿינפֿטן דור, איז געקומען אויף דער וועלט אונדזער משה.

דער טאַטע זיינער שלמה ז"ל, איז ווייט אַוועק פון די "ביזנעס", ער איז גאָר געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. און די מאַמע? זי האָט געשטאַמט פון נישט קיין קלענערן יחות, איר טאַטע איז געווען רב אין זוואָלין, אַ קליין שטעטל הינטער וואַרשע. איז נישט קיין וווּנדער וואָס כאָטש דער טאַטע איז געווען אַן אויפגעקלערטער ייד, איז ביי זיי אויפגעהאַלטן געוואָרן אַ יידיש־אָרטאָדאָקסיש הויז. און צו זיי איז עטלעכע מאָל אין וואָך געקומען אַ באַוווּסטער רב לערנען מיט דעם קליינעם משהלע. אַזוי ביז זיבעצן יאָר. אין צווישנצייט איז געווען די העברעישע תרבות־גימנאַזיע און דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

אָט די אידיליע האָט זיך געענדיקט אין 1939־טן יאָר מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעם טאַטן האָבן די היטלעריסטן דערמאָרדעט נישט לאַנג נאָכן פאַרנעמען פוילן, דער מאַמען מיט די איבעריקע דריי קינדער האָט דער טאַטע פריער געהאַט אַרויסגעשיקט צו קרובים אין מערב־אוקראַינע, און נאָך דעם איז אַהין אויך אַוועק אונדזער משה.

דאָ הייבט זיך ערשט אָן זיין געשיכטע פון וואָגל, וואַנדער און פּיין. פון קאָוולע קיין לעמבערג און פון דאָרט, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזש קיין סטאַלינגראַד. אין סטאַלינגראַד שטודירט ביזן לעצטן קורס מעדיצין, זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן ביזן נעמען אין געפאַנגענשאַפט דעם מאַרשאַל פּאַולוס מיט זיין אַרמיי, געוואָרן פאַרוווּנדעט ביים אַריבערפירן שווער־פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי אויף דער צווייטער זייט וואָלגע, און לסוף, נאָך פאַרשיידענע שווערע איבערלעבונגען, דערגרייכט קיין מאָסקווע. דאָ פאַרענדיקט די שטודיעס, באַגעגנט זיין צוקונפטיקע פרוי שושנה, און ווי עס איז זיך איינגעאָרדנט. אָבער נישט אויף לאַנג.

נאָכן באַזיגן היטלערן איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד צוגעטראָטן צו דער מלחמה קעגן יאַפּאַן און דער יונגער ד"ר משה וואָלף איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן ווייטן מזרח. צום גליק האָט די מלחמה זיך גיך פאַרענדיקט מיט דער קאַפּיטולאַציע פון יאַפּאַן.

צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, זיך דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי, עס איז געבוירן געוואָרן די טאָכטער נעמי, היינט אַ באַוווּסטע פּיאַניסטין און קאָמפּאָזיטאָרין, און... ווידער מלחמה. דאָס מאָל אין קאָרייע, און דער סאָוועטן פאַרבאַנד גרייט זיך דערצו באַצייטנס. געפינט מען ווידער אונדזער דאָקטאָר משה וואָלף און מען שיקט אים אַוועק אַזש קיין סאַכאַלין, וואָס איז אַ פאַרוואָרפן אינדזל ערגעץ הינטער די הרי החושך אויפן ווייטן מזרח. פון דאָרט האָט מען אַ גרופּע יידישע דאָקטוירים, 180 זענען זיי געווען, פונאַנדערגעשיקט אין פאַרשיידענע לאַגערן, צונעמענדיק ביי זיי פריער אַלע דאָקומענטן. דאָס איז שוין געווען אין 1949־טן יאָר, נאָכן מאָרד פון מיכאָעלסן, נאָכן פאַרמאַכן דעם יידישן טעאַטער אין מאָסקווע און די אַרעסטן פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער און קינסטלער בראש מיט פרץ מאַרקישן, בערגעלסאָנען, דער ניסתר, קוויטקאָ, פעפערן און אַנדערע.

פון ווייטן מזרח האָט משה וואָלף געטראָפן אויפן ווייטן צפון, קיין אַרכאַנגעלעסק. נאָר אונדזער דאָקטאָר האָט זיך נישט איינגעבראָכן. אפשר האָט די קענטעניש פון פסיכיאַטריע אים געהאָלפן ביישטיין אַלע שווערע צרות און אַרויס אַ גאַנצער פון סטאַלינישן גיהנום. און אפשר איז עס געווען דער אַלטער יידישער בטחון, דער באַוווּסטזיין וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט די יידישע קעמפערס אין די געטאָס און פאַרטיזאַנישע וועלדער. און אפשר ביידע צוזאַמען?

אין 1955 האָט משה וואָלף זיך צוריקגעקערט אַ היים צו דער משפּחה און אָנגעהויבן אַ נאָרמאַל לעבן, אויף וויפל מען קאָן עס רופן נאָרמאַל אין יענע באַרינגונגען.

אין צוויי יאָר אַרום איז אויף דער וועלט געקומען זיין זון שלמה, היינט אויך אַ דאָקטאָר־פּסיכיאַטער. איז ווי אַזוי זשע איז דער אָנגעזעענער דאָקטאָר־פּסיכיאַטער, אָנפירער פון אַ גרויסער קליניק אין מאָסקווע און מחבר פון פילצאָליקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור? דאָס איז ווידער אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע געשיכטע. קודם כל דאַרפן דערמאָנט ווערן זיינע לערערס פון יידיש. מיר דאַרפן געדענקען, אַז דערצויגן געוואָרן איז ער אין דער העברעישער שפּראַך, ווייל שילערס פון דער תרבות־גימנאַזיע האָבן געמוזט אין דער היים רעדן העברעיש. און דאָך... אפשר איז געשען אַ נס וואָס זיין מאַמע עליו־השלום איז געווען באַקאַנט מיט דעם עלטערן ברודער פון יצחק באַשעוויס־זינגער, דעם באַוווסטן שרייבער י.י. זינגער, און ער פלעגט אַריינקומען צו זיי אין הויז. דאָס האָט י.י. זינגער אים איבערצייגט, אַז אַן אינטעליגענטער יידישער יונגערמאַן דאַרף קענען יידיש. און ער האָט גענומען לערנען מיט אים יידיש און יידישע ליטעראַטור.

איז דאָס נאָך ווייניק, האָט ער נאָך געהאַט אַ צווייטן לערער פון יידיש, שוין שפּעטער, אין קאָוולע, און געווען איז עס ווידער אַ מאָל אַ יידישער שרייבער - לייב אָליצקי, דער עלטערער ברודער פונעם דיכטער מאַטעס אָליצקי וועלכער לעבט איצט אין ניו־יאָרק און פונעם דיכטער ברוך אָליצקי, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

איז דען אַ וווּנדער, אַז האָבנדיק אַזעלכע צוויי לערערס, און מיט אַ באַגאַזש פון טיף יידישן און וועלטלעכן וויסן, איז אַרויסגעקומען אַזאַ טיף־דענקענדיקער יידישער שרייבער און לעקטאָר, וועלכער באַהאַנדלט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, געשיכטע און קונסט, ברענגט אַרויס בולטע פּאָרטרעטן פון די שאַפערס און זייער סביבה, דערגענטערט זיי דורך זאַכלעכן אַנאַליז צום לייענער, און זיין וויכטיקסטע זאָרג איז, אַז יידישע שאַפערס זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן.

*

אין איינעם פון זיינע עסייען - וועגן דעם לידער־בוך פון סאָוועטיש־יידישן שרייבער בוזי מילער א.ג. "דער קוואַל דער לויטערער", פאַרעפנטלעכט אין "סאָוועטיש היימלאַנד נומ. 4 (1985) - האָט משה וואָלף געשריבן: "אויף דער מערהייט פון זיינע לידער ליגט דער אָטעם פון אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ". אָט דער אָטעם פון אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ הויכט אַרויס פון אַלע קריטישע עסייען משה וואָלפס. מיט ליבשאַפט און אָפּשיי באַציט ער זיך צום יידישן שרייבער, צום יידישן קינסטלער, און אָט די ליבשאַפט גיט זיך איבער, ווי אַ כישוף, צום לייענער.

וועגן וועמען ער זאָל נישט שרייבן, וועגן באַרימטע אָדער ווייניקער באַוווסטע יידיש־שאַפערס, פילט זיך אַרויס די זעלבע וואַרעמע באַציונג, דער ערנסטער אַנאַליז און דער קלוגער אַריינבליק נישט בלויז אינעם ווערק, נאָר אויך אין דער נשמה פונעם שאַפער. אָט אַזוי ווי עס ווייזט אָן דער באַוווסטער יידיש־דענישער ליטעראַטור־היסטאָריקער געאָרג בראַנדעס ווען ער שרייבט, אַז "דער (ערנסטער) קריטיקער וועט זיך נישט זעצן שרייבן ביז ער וועט נישט דערפילן, אַז אין אים לעבט יענע פּערזאָן וועלכע ער קלייבט זיך צו כאַראַקטעריזירן".

שרייבנדיק וועגן אַ בוך אָדער אַ באַשטימטער פּערזענלעכקייט זוכט ער, משה וואָלף,

שטענדיק דאָס גוטע און שיינע און באַמיט זיך עס אַרויסהייבן איבער דעם וואָכעדיקן, אָדער דאָס וואָכעדיקע פּאַריומטובן.

פאַר זיין גאַנצן שאַפן זענען ווי אָנגעמאָסטן די ווערטער פונעם ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות (אויך אַ דאָקטאָר - עליאַשעוו, אגב האָבן מיר קיין סך דאָקטוירים אין דער יידישער ליטעראַטור נישט געהאַט, די מערסטע יידישע שרייבערס, און קינסטלערס זענען געקומען פון פשוטן פאָלק, פון חדר און ישיבה). בעל־מחשבות האָט געשריבן: "די טיפסטע און באַטייטנדיקסטע ראָלע פון קריטיקער אין אַלע צייטן איז נישט אַזוי די מבינות פון אים, ווי דער וואַרעמער פאַרלאַנג, אַז דאָס גוטע, נייע, פרישע און יונגע זאָל געפינען אַ סביבה פאַר זיך, ווו דאָס זאָל קאָנען אויפוואַקסן". און אויף אַן אַנדער אָרט: "דער עכטער קריטיקער... איז דער פאַרליבטער, איבערגעגעבענער פריינד פון קונסט". אָט אַזאַ איז טאַקע אונדזער משה וואָלף, הגם אין זיין באַשיידנקייט באַטראַכט ער זיך נישט ווי אַ ליטעראַטור-און קונסט־קריטיקער אָדער היסטאָריקער.

צו די אויבן געבראַכטע ווערטער ווילט זיך צוגעבן: אָפט מאָל איז דער קריטיקער נישט בלויז אַן אַנאַליטיקער און אויסטייטשער, נייערט אַליין אַ מיטשאַפער, אַליין אַ קינסטלער. אָט הערט ווי משה וואָלף שילדערט פאַר אונדז שלמה מיכאָעלסן אין דער ראָלע פון קעניג ליר: "אויף דער בינע באַווייזט זיך אומבאַמערקט אַ באַשעפעניש אָן אַ באָרד. פונעם קאָפּ פאַלן אויף די פּלייצעס לאַנגע ווייסע האָרלאָקנס, דער קערפער איז איינגעהילט אין אַ לאַנגער מאַנטיע אונטער וועלכער ס'איז אַלץ באַהאַלטן. מען זעט נישט אַפילו ווער דאָס איז - אַ מאַן אָדער אַ פרוי, און עס איז שווער צו טרעפן צי איז דאָס דער קעניג".

דאָס זענען נישט קיין ווערטער פון אַ קריטיקער צי רעצענזענט, דאָס זענען ווערטער פון אַ מאָלער, וועלכער מאַכט אונדז זען און פילן דאָס געשטאַלט. מען דאַרף נאָר בלויז אַ ביסל פאָרשטעלונג־קראַפט און אָט געפינט איר זיך צוזאַמען מיטן שרייבער אינעם פאַרטונקלטן זאַל פון מאָסקווער יידישן טעאַטער.

וועגן דעם ריכטער און דערציילער באַריס מאָגילנער שרייבט משה וואָלף: "באָריס מאָגילנער איז אַ באַגאַבטער קינסטלער. מיט געציילטע, אָבער פּינקטלעך אונטערגעקליבענע ווערטער גיט זיך אים איין סקולפּטוריש אויסקלעפן די פאָרטרעטן פון זיינע העלדן"; און דער עיקר לייגט ער אַכט דערויף וואָס "יעדער פון זיי (מאָגילנערס העלדן) האָט זיין אינדיווידועלן פּסיכאָלאָגישן געמעל". און נאָך שטרייכט ער אונטער: "די נאַציאָנאַלע טעמע אין מאָגילנערס ריכטונג גיט צו זיין שאַפן אַ קאָנקרעט־היסטאָרישן כאַראַקטער".

די נאַציאָנאַלע טעמע... בככל גענומען איז עס אַ קאָמפּליצירטער ענין, באַזונדערס אויב עס גייט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין געוו. סאָוועטן־פאַרבאַנד ווו עס האָבן געוואַכט די פאַרטיי־משגיחים מען זאָל חלילה נישט אָפּווייכן פון דער פאַרטיי־ליניע און נישט אַריינפאַלן אין א.ג. נאַציאָנאַליזם פאַר וועלכן נישט איין יידישער שרייבער האָט שפּעטער באַצאָלט מיטן קאָפּ.

און אויפן מערב האָבן געליאַרעמט "זאַכקענערס", אַז די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויסגעהוילט פון יידישקייט און אַלץ וואָס ווערט דאָרט געשאַפן איז נישט מער ווי אַ לויב געזאַנג צום קאָמוניסטישן רעזשים. עס האָט געדאַרפט קומען דער חורבן פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין געוו. סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז

די "וועלט" זאָל זיך אַרומזען אַז זי האָט געבלאָנדזשעט... צום אויפדעקן אָט דעם טעות האָט נישט ווייניק בייגעטראָגן אונדזער משה וואָלף.

מיט באַזונדערער ליבשאַפט און אָפּשיי שרייבט משה וואָלף אין זיין שטודיע וועגן דעם גרויסן סאָוועטיש-יידישן ליריקער שמואל האַלקין און זיין "שלימותדיקייט"... זיין איבערגעגעבנקייט דער יידישער טראַדיציע, דעם יידישן פאָלק, אַנאַליזירנדיק דערביי אַ ריי פון זיינע לידער און דראַמעס. און די שלימותדיקייט און איבער-געגעבנקייט דער יידישער טראַדיציע, דעם יידישן פאָלק זעט ער נישט בלויז ביי די קאָריפייען, ביי די גרויסע דיכטערס און שרייבערס פון עלטערן דור, נייערט אויך ביי די ייִנגערע שרייבערס. ער דערמאָנט עס אין זיין עסיי א.ג. "די נאַציאָנאַלע טעמע אין דער סאָוועטיש-יידישער ליטעראַטור" ("חשבון" נומ. 122, האַרבסט 1993). שרייבנדיק וועגן 23 יונגע יידישע פּאָעטן, וועלכע זענען אומגעקומען אויף די פראָנטן פון דער אַנטי-היטלערישער מלחמה באַווייזט ער, ווי צווישן די פּילצאָליקע רעקליאַרטיווע שורות און, ווי ער רופט עס אָן, אַנטיידישונג פון דער טעמאַטיק, רייסן זיך דורך איינצלנע פערזן, און אַ סך מאָל גאַנצע לידער, וואָס שטעקן טיף אין דער יידישער טראַדיציע. אויף דער זעלבער טעמע האָט משה וואָלף אויך געשריבן אינעם זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5 פאַרן יאָר 1990 אין אַן עסיי א.ג. "הזכרות נשמות".

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז משה וואָלף האָט מיט ליבשאַפט געשריבן וועגן אונדזערע היימישע דיכטערס חיים שוואַרץ, זוסמאַן בונין, וועגן דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם ליריקער און משלים-שרייבער פרץ מיראַנסקי און אַ ריי אַנדערע. זיי אַלעמען האָט ער מיט ווירדע אַריינגעשטעלט אינעם פּאַנטעאָן פון דער יידישער ליטעראַטור.

*

בכלל געמומען צייכענען זיך אויס משה וואָלפס ליטעראַרישע אַרבעטן, ווי שוין דערמאָנט, מיט ערנסטן, פאַרטיפטן אַריינדרינגען אין די ווערק וואָס ער באַהאַנדלט. און כאָטש ער באַטראַכט זיך נישט ווי אַ ליטעראַטור-קריטיקער, זענען זיינע עסייען אָפט מאָל מער ווי ליטערטור-קריטיק, דאָס זענען אַלע מאָל אַלזייטיקע אָפּהאַנדלונגען וואָס פאַרמעסטן זיך אויף מאָנאָגראַפּיעס. נאָר וואָס דען? אויף אַ מאָנאָגראַפּיע וועגן אַ באַשטימטן שרייבער אָדער קינסטלער - זאָגט משה וואָלף - דאַרף ער האָבן נישט עטלעכע וואָכן צום פאָרשן און שרייבן, נאָר עטלעכע יאָר, איז וואָס, ליבער פריינד, דו ביסט דאָך בלויז 75 יאָר אַלט געוואָרן, און אין אונדזערע צייטן פון פליען אין די רוימען, ווו די צייט מעסט זיך גאָר אַנדערש, און ווען די מעדיצין און פסיכאָ-אַנאַליטישע וויסנשאַפטן אַרבעטן מעשים צו פאַרלענגערן דאָס לעבן, איז דיר נאָך געבליבן אַ סך צייט! נוץ זי אויס צום גונסטן פון די יידיש-ליבהאָבער און משה וואָלף-פאַרערער! שאַף נייע ווערק, און, למען השם, פאַרגעס נישט צונויפצוזאַמלען דאָס שוין געשאַפענע צווישן טאָוולען אַזוי, אַז עס זאָל בלייבן פאַר די צוקונפטיקע דורות! מיר ווינטשן עס דיר פון גאַנצן האַרצן. און אויך געזונט און גליק צוזאַמען מיט דיין משפחה, מיט פרוי און קינדער -עד מאה ועשרים!

משה וואָלף

# דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט בנימין זוסקין

## (זיין לעבן, שאַפן און טראַגישער סוף)



"-אָ, חלום דו מיין שענסטער,
צי איז דאָס שוין מיין לעצטער וועג?
צי דאַרף שוין קיינער מיך נישט מער?
און זיינע ברענעדיקע ליפּן האָבן זיך פאַרלאָשן
אין דער קאַלטער לופט"

*דויד ספאַרד, "אַ חלום"*

### א

אין גיכן (דעם 13 יאַנואַר 1998) וועט ווערן 50 יאָר נאָך דעם ווי די שטורעמדיקע און בייזע אַנטיסעמיטישע כוואַליעס האָבן פאַרפּלייצט דעם לעצטן יידישן אָאַזיס אין דעם אַמאָליקן ראַטנפאַרבאַנד - דעם "מלוכהשן סאָוועטיש-יידישן טעאַטער" אין מאָסקווע ("גאָסעט"). היינט, אויפן שוועל פון דעם דאַזיקן ביז גאָר טרויעריקן יובל, איז שוין ווייניק ווער פאַרבליבן פון די צושויערס, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט זיך קוויקן מיט די וווּנדערלעכע ספּעקטאַקלען, און נאָך ווייניקער אַרטיסטן, וועלכע האָבן געהאַט דעם גרויסן זכות אָנטייל נעמען אין זיין הייליקער אַרבעט. דערפאַר טאַקע איז גרויס דער חוב פון די, וועלכע לעבן נאָך, צו דערציילן און באַקאַנט מאַכן דעם אַמעריקאַנער יידישן לייענער מיט איינעם פון די גדולי הדור - מיט דעם, אין פולן זין פון וואָרט, פאָלקס-אַרטיסט. בנימין זוסקין, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן דער יידישער קולטור, באַזונדערס דעם סאָוועטיש-יידישן טעאַטער.

יעדעס מאָל ווען ס'קומט אויס צו שרייבן, אָדער רעדן וועגן בנימין זוסקינען פאַרבינדט מען זיין נאָמען מיט שלמה מיכאָעלסן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען צוויי זייטן פון איין וווּנדערלעכער ווערטפולער מטבע. ביידע זיינען זיי געווען דאָס האַרץ פונעם טעאַטער, פאַרליבט איינער אין דעם אַנדערן און אין אַלץ, וואָס זיי האָבן באַשאַפן. די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה זען זייערע אַרויסטרעטונגען אויף דער בינע, האָבן קיין מאָל ניט געקאָנט באַשטימען, ווער פון זיי האָט איבערגעשטיגן איינער דעם אַנדערן מיט זיין טאַלאַנט און כשופדיקער קינסטלערישקייט.

און דאָך זענען שלמה מיכאָעלס און בנימין זוסקין ניט נאָר אין כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט און מייסטערשאַפט פאַרשידן. אַפילו לויט דעם קערפּער-געבוי זענען זיי געווען אַנטיפּאָדן: מיכאָעלס - אַ נידעריקער, אַ פולער, מיט קורצע הענט, מיט אַ לייבן-קאָפּ און מיט ווייט ניט קיין שיינעם פּנים - אַ צעפּלאַטשיקטע נאָז און אַ גראָבע, אַרויסשטאַרצנדיקע אינטערשטע ליפּ. בנימין זוסקין - אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַן הדרת פּנימדיקער און מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעלן קערפּער-געבוי. נאָר מיט איין דעטאַל זענען זיי ביידע געווען ענלעך - מיט זייער מעכטיקן לומדנישן שטערן.

און נאָך: ביים פאַרגלייכן זיי ביידע, איז געווען אָנגענומען צו זאָגן: "מיכאָעלס איז

קאַפּ, מוח, טריבון: זוסקין - האַרץ, נשמה, געפּיל". אין דער אמתן, אָבער, זענען דאָס געווען אילוזאָרישע פאַרשידנהייטן. מיט יעדער זייער אויפטריט אויף דער בינע פלעגן זיי אַריבערטרעטן די אָנגעוויזענע "גרענעצן". יעדע זייער אַרויסטרעטונג איז געווען איין קינסטלערישער אויסגוס פון טיפע געדאַנקן און איידעלע געפילן וואָס האָבן ניוועלירט די אָנגעוויזענע פאַרשידנהייטן. אַנדערש וואָלט זייער צוזאַמענשפּיל ניט פאַרמאָגט דעם מאַגישן סוד, וועלכער פלעגט באַווירקן און אָנצינדן די הערצער פון דעם עולם אין זאַל.

און נישט געקוקט אויף דעם, איז די טעאַטער-קריטיק לגבי בנימין זוסקינען פאַרבליבן אַ גרויסער בעל-חוב... אין דער ליטעראַטור פון דעם סאָוועטישן פעריאָד (יעשוע ליובאָמירסקי, "סאָוו. היימלאַנד" נום. 2 1964 און נום. 5, 1977) און אויך שפּעטער אין ישראל זענען וועגן דעם ווונדערפולן אַרטיסט פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָר אייניקע פאַרבייגייענדע אַרטיקלען (א. פּערלמוטער-זוסקין; דוד ספרד "ירושלימער אַלמאַנאַך" נום. 9, 1977; גיטל מייזיל; יוסף קערלער; ישראל רובינטשיק - ירוש. אלמ.." נום. 20, 1990). ס'איז מעגלעך, אַז אין דעם איז געווען "שולדיק" ב. זוסקין אַליין. ער איז געווען זייער באַשיידן, קיין מאָל זיך ניט אַרויסגעשטופּט פאָרויס, שטענדיק אין זיינע דערפאָלגפולסטע אַרויסטרעטונגען פלעגט ער זיך האַלטן אויף אַ האַלבן שפּאַן הינטער ש. מיכאָעלסן, און מיט דעם פלעגט ער שטענדיק אונטערשטרייכן זיין (מיכאָעלסעס) בכורה. און אפשר... אויך דערפאַר... ווייל "עס קאָנען ניט זיין קיין צוויי קעניגן מיט איין קרוין, האָט זי אָנגעטון בנימין, האָט זי געמוזט אויסטאָן דער קעניג ליר" (ש. מכאָעלס)... און אויך... פאַרקערט...

צום אַלגעמיינעם טיש איז ב. זוסקין געקומען ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, ווי אַ שותף, וואָס האָט אַריינגעטראָגן זיין חלק, דעם חלק, וואָס גיט דאָס רעכט אים האַלטן אויף דער זעלבער הייך, אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען די טאַלאַנטפולסטע אַרטיסטן פון זיין דור, "אויב ניט נאָך העכער".

## ב.

"ווייל דאָרט אַ לעבן האָט ווערט אַ גראָשן.
דאָרט אין קעלער האָט מען זיי צעשאָסן"

*זיאַמע טעלסין, "דאָרט אין קעלער"*

שרייבן וועגן ב. זוסקינס אָפּשטאַם, וועגן זיין קינדהייט, יוגנטלעכע יאָרן און, בכלל, וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן איז זייער שווער, ער האָט קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט זיין ביאָגראַפיע (הגם ער האָט זי אין 1964 אָנגעשריבן). אַלץ, וואָס ס'האָט זיך איינגעגעבן צו דערוויסן, קומט פון מעמואַרן, וועלכע עס האָבן פאַרעפנטלעכט אייניקע פון זיינע שילערס, פריינד, באַקאַנטע, און זיין טאָכטער א. פּערעלמאַן-זוסקין. (איך אין רשות געפינט זיך די אָנגעשריבענע אויטאָביאָגראַפיע).

...בנימין זוסקין איז געבוירן געוואָרן אין 1899, אין פּאָניוויעזש, קאָוונער געגנט, זיין אַרטיסטישן טאַלאַנט האָט בנימין געירשנט פון זיין טאַטן, אַריה-לייבן, אַ שניידער, וועלכער האָט געהאַט אַן אייגענעם וואַרשטאַט. די אַטמאָספערע אין דעם ראָזיקן וואַרשטאַט איז געווען אַ ביז גאָר פריינדלעכע, אַ פרייהייטליביקע און פריילעכע. די שניידער-געזעלן, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, ווי אויך זייער בעל-הבית, "אָרעמע נאָר לוסטיקע", זענען געווען פאַרליבט אין יידישע לידער און ליטעראַטור, באַזונדערס אין שלום-עליכמס דערציילונגען און אין זיינע פּיעסן, וועלכע עס פלעגט פאָרלייענען

און אויסשפּילן אריה־לייב. ער איז געווען אויך באַוווסט מיט זיין ערלעכקייט, מיט זיין "אָפענער האַנט" און גרויס מיטגעפיל צו די אָרעמע און אונטערדריקטע. צוליב דעם טאַקע, איז ער לאַנגע יאָרן געווען דער גבאי פון דער פּאָניוויעזשער "לינת הצדק".

די מאַמע, וואָס האָט גערעדט ניט נאָר יידיש, נאָר אויך רוסיש, איז געווען געבענטשט מיט אַ זעלטענער דערציילערישער פעיקייט. די רוסישע מעשיות, פלעגט זי מיט פיל טעם איבערדערציילן בנימינען, און דאָס האָט צעשפּילט זיין קינדערישע פאַנטאַזיע.

פון קינדווייז אָן האָט ניאָמעלע זיך אויסגעטיילט מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון, מיט זיין נייגעריקייט, מיט זיין נייגונג צו אָבסערווירן מענטשן, אויפכאַפּן זייערע באַוועגונגען, מימיק און ווערטער, און אויך מיט זיין נאָכמאַכערישער פעיקייט. צו 5 יאָר האָט ער שוין געלערנט חומש מיט רש"י, די פּרשה פון דער וואָך - מיטן טראָפּ. ער האָט אויך געקענט לייענען און איבערדערציילן אַלע מעשיות, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין מאַמען; אויסשפּילן און אויסזינגען אַלע ראָלן און לידער, וועלכע ער האָט געהערט פון די שניידער־געזעלן אין טאַטנס וואַרשטאַט.

צו 7 יאָר האָט מען דאָס יינגעלע אָפּגעגעבן אין אַ חדר צו אַ "מומחה". - אַ מלמד. אַ וויצלער, אַ "לץ", וואָס האָט דעם קליינעם ניאָמקען צוגעגעבן חשק און מוט זיך צו "פאַרשטעלן", נאָכמאַכן, איבערקרימען מענטשן פון זיין סביבה.

צו בר־מצוה פאַרלאָזט בנימין דעם חדר און גייט אַוועק אין זיין טאַטנס דרכים. לערנט זיך די "שער און אייזן" מלאָכה, לייענט פאַר די שניידער־געזעלן און פאַר אַנדערע ליבהאָבער שלום עליכעמען, און אין משך פון יאָרן העלפט ער דעם פאָטער אין זיין גבאישער אַרבעט ביים אויסטיילן נדבות, געבן הילף, אויפקלערן ווער עס נייטיקט זיך, ווער ס'איז קראַנק; פאַרברודערט זיך דאָרטן מיט די אָרעמעלייט. זיי לאָדן אים איין אויף זייערע חתונות, בריתן און לוויות. אומעטום האָט מען געזען דעם יונגן, מלא־חנודיקן בנימינקען מיט זיין געדיכט געקרייזלטן שוואַרצן קאָפּ האָר, גרויסע און עטוואָס פאַרוווּנדערטע אויגן. ער קוקט זיך צו צו די פאָלקסמענטשן און פאַרשיידענע טיפּן. ער פאַרגעדענקט זייערע אייגנשאַפטן, זייער אַרט ריידן, זייערע זשעסטן און פאָרעם פון אַרויסברענגען פרייד, ליידן, האַס און צאָרן; - זייערע ווערטלעך, לידלעך און קללות.

איינציייטיק, מיט דער הילף פון זיין געבילדעטער מאַמען, גרייט ער זיך צו צום אַריינטרעטן אין דער אָרטיקער גימנאַזיע, אַנטציקט די לערערס מיט זיין רירעוודיקן לייענען אויף אויסנווייניק פּושקינען און לערמענטאָוון. די גימנאַזיע האָט ב. זוסקין פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג.

בעת דער וועלט־מלחמה, ווען די יידישע באַפעלקערונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די ביי־פראָנט־פּאַסן, איז די זוסקין־משפחה אָנגעקומען קיין פּענזע. פון דאָרט פאָרט בנימין אַוועק קיין סווערדלאָווסק (יעקאַטערינענבורג) און קומט אָן זיך לערנען אין דעם דאָרטיקן באַרג־אינסטיטוט; נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די סטודענטישע זעלבסטטעטיקייט־ספּעקטאַקלען.

אין 1921 פאָרט ב. זוסקין אַריבער קיין מאָסקווע, ווערט אויפגענומען אין דער טעאַטער־סטודיע ביים מאָסקווער יידישן טעאַטער. און עס טרעפט אַ נס: ער באַקומט אין דעם טעאַטער פירנדיקע ראָלן. פון דעמאָלט אָן און ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן, ווערט ער פאַרקנסט מיט דער "יידישער טעאַטער־מוזע"; אַרבעט אַ סך יאָרן אַלס לערער אין דער טעאַטער־סטודיע. שטעלט דאָרט אַ ריי ספּעקטאַקלען. אין דער סטודיע

באַגעגנט ער זיך מיט דער יידישער טענצערין און שוישפּילערן עדאַ בערקאָווסקי. אין גיכן ווערט זי זיין פרוי און לעבנס־באַגלייטערן. זי שענקט אים אַ טאָכטער, וועלכע לעבט עד היום אין ישראל.

בנימין זוסקין איז פאַר זיינע פאַרדינסטן אַלס קונסט־מייסטער באַלוינט געוואָרן מיט דעם אָרדן "די רויטע פאָן", איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט די העכסטע סאָוועטישע טיטולן: "לאַורעאַט פון דער סטאַלין־פּרעמיע", פאָלקס־אַרטיסט פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק" און מיט פיל אַנדערע אויסצייכענונגען.

אין 1948 נאָך שלמה מיכאָעלסעס טויט, פאַרנעמט ב. זוסקין זיין אָרט – ער ווערט נאָמינירט אַלס דירעקטאָר און הויפּט־רעזשיסער פון דעם טעאַטער. אין גיכן אָבער, (דעם 23־טן דעצעמבער 1948) ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמשפּט צו טויט שטראָף. דעם 12 אויגוסט 1952, אין דער לוביאַנקע־טורמע. האָבן אים (צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגליער פון דעם יידישן אַנטיפאַשיסטן קאָמיטעט) די מחבלים צעשאָסן.

## ג.

"פון וואַנען איך בין? פון מיין קינדהייט בין איך..."

### א. דע סענט־עקזופּערי

בנימין זוסקין האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם מאָסקווער יידישן טעאַטער ווי אַ שטורעם־ווינט. זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען האָבן אַרויסגערופן פאַרווונדערונג ניט נאָר ביי די צושויער, נאָר אויך ביי זיינע טעאַטער־חברים און ביי די (ניט נאָר יידישע) טעאַטער־קריטיקער פון זיין צייט.

דאָ איז כדי צו באַטאָנען, אַז דעם שפּרודלדיקן שטאָף אויף אויסצוקלעפּן זיינע בעסטע ראָלן, האָט דער אַרטיסט געשעפּט פון זיינע דערינערונגען, פון זיין קינדערישער היים.

פאַר די יאָרן פון זיין אַרבעט אין גאָסעט האָט ב. זוסקין אויסגעשפּילט העכער 40 אָריגענעלע ראָלן. צווישן זיי: די באָבע יאַכנע אין גאָלדפאַדענס "כישופמאַכערין"; "סאָלאָווייטשיק, דער שרכן" אין שלום־עליכמס "200.000"; "סענדערל די יידענע" אין מענדעלעס "מסעות בנימין השלישי"; די אָריגענעלע אינטערפּרעטאַציע פון י.ל. פּרצעס "ברחן"; יאָסעלע באָבצעס אין בערגעלסאָנס "דער טויבער"; די ליריש־ראָמאַנטישע און דערביי קעמפערישע געשטאַלט פון אַ יידן אַ רעקרוט אין משה קולבאַקס "בויטרע"; אין די נייע יידיש־סאָוועטישע פּיעסעס – אַ ריי געשטאַלטן פון בעלי־מלאכות, אַרבעטער, באָלשעוויקעס: – דעם סטאָליער נפתלי האָז אין י.י. ראָברושינס "דער געריכט גייט"; דעם זעצער, סטאַניסלאַוו בראָניעווסקי אין מ. דניאלס "פיר טעג"; דעם וואַסערטרעגער מענדל און דעם באָלשעוויק מאָטקע – אין פּרץ מאַרקישעס "ערד" און אין "משפּחה אָוואַדיס" א.א.

שוין די אויבן איבערגערעכנטע ראָלן (און נאָך מער די שפּעטערדיקע – די ראָל פונעם "לץ" אין שעקספּירס "קעניג ליר" און פון דעם "ברחן" אין "פריילעכס") באַווייזן, אַז דער דיאַפּאַזאָן פון זוסקינס מייסטערשאַפט איז געווען זייער אַ ברייטער, אַז ער איז געווען אַן אַרטיסט ניט פון אַ באַשטימטן אַמפּלואַ. אָבער ער האָט געהאַט זיין ספּעציפישע טעמע – די טעמע פונעם "קליינעם מענטש" אין פאַרשידענע סאָציאַלע סיטואַציעס און באַרינגונגען.

איבער אַלע זיינע ראָלן האָט זוסקין אומגעוויינלעך שווער געהאָרעוועט. "באַלד נאָכן איבערלייענען די פּיעסע, פלעגט ער מאַכן מיט אַ בליישטיפט אַ סקיצירטע צייכענונג פון דעם פּנים מיט וועלכן עס אַסאָציאירט זיך ביי אים די פאָרשטעלונג פון דעם געשטאַלט, וואָס ער האָט באַדאַרפט שאַפן" (...) "אויב עס טרעפט, אַז אין זיין זכרון איז ניט פאַראַן קיין גענוג בולטער און קאָנקרעטער איינדרוק. וואָס מען וואָלט געקענט רעאַליזירן און פאַרקערפּערן אין דער געגעבענער ראָל, זוכט ער לאַנג און עקשניתדיק אַן אָביעקט, וואָס וואָלט אים געקאָנט דינען פאַר אַ מאָדעל" (ש. מיכאָעלס. "יידישע קולטור" 1995, נומ. 7–8 ז.ז. 26–30). ביי אים איז געווען אַן איבערגעטריבן אחריות־געפיל, ניט נאָר לגבי דעם צושויער, נאָר אויך לגבי יענער הויפּט־שליחות, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען פאַר זיינע אויגן – אויפריכטיק מיט דער פּינקטלעכסטער מאָס אַרויסברענגען די נשמה פון פאָלק.

אין די ראַמען פון אַ קורצן עסיי איז פּשוט ניט מעגלעך באַשרייבן יעדע ראָל, וואָס דער גרויסער אַרטיסט האָט אויסגעקלעפּט במשך זיין לעבן. וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אייניקע זיינע שטאַפּל־ראָלן, אין וועלכע עס האָבן זיך אַנטפּלעקט די אָריגנעלע אייגנשאַפטן פון זיין פילקאַנטיקן טאַלאַנט.

*

זיין ערשטע ראָל פעברואַר 1922) איז געווען די "באָבע יאַכנע" אין גאָלדפאַדענס "כישופמאַכערין". דער גרונט־ציל פון דעם ספּעקטאַקל איז געווען אָפּחוזקן פונעם אַלטפרענקישן יידישן שטייגער און גלייכצייטיק וואָס מער פאַרגעניגן ברענגען די צושויער.

באַזונדערס האָט פאַרינטערעסירט די צושויער די "באָבע יאַכנע"־געשטאַלט פון בנימין זוסקין. אין זיין אויפירונג זענען פאַרשוואונדן געוואָרן די כאַראַקטער־שטריכן פון אַ קליינשטעטלדיקער בייזע יידענע, וואָס זענען געווען אייגנטימלעך פאַר די באָבע יאַכנעס פונעם אַלטן יידישן טעאַטער. אויף דער בינע פונעם גאָסעט האָט דער צושויער דערזען אַ בופאָנאַדע – אַ מכשפה פונעם אַלגעמיינעם אייראָפּעישן פאָלקלאָר, און כדי דער צושויער זאָל גלייבן, אַז דאָס איז אַ יידישע מכשפה, האָט דער אַרטיסט צו זיין שטערן צוגעבונדן מיט אַ רצועה איינעם פון די תפילין, די צווייטע פון די תפילין האָט ער צוגעטשעפּעט אויף דער לינקער האַנט. זוסקינס "באָבע יאַכנע" רעדט זעלטן. זי רעטשיטירט, און זינגט. דאָס איז אַ משונהדיקער געזאַנג, אַן אָנגעפילטער מיט אינטאָנאַציעס, וואָס זוסקין האָט אין זיינע קינדעריאָרן געהערט אין דער פּאָניוויעזשער שול.

זוסקין פאַרכאַפּט דעם צושויער אויך מיט רעאַליסטישע טענער: אין ערשטן אַקט, אין דער סצענע, ווען די מכשפה פליעסט זיך אַריינגנאַרן מירעלען צו זיך, טוט זי אַ שפּרונג אויפן לייטער, ציט זיך אויס, ווי לאַנג זי איז, צעשפּרייט אירע הענט, ווי פליגל פון אַ רויב־פויגל איבער מירעלעס קאָפּ און זינגט פאַרפירעריש: "קום, קום, קום צו מיר, טאָכטער מיינע"!

באַזונדערס טיילט זיך אויס אויך די מאַרק־סצענע, ווען מירעלע כאַפּט זיך, אַז מען האָט זי באַגנבעט, און מיט אַ ביטער געוויין טוט זי זיך אַ וואַלגער אויף דער ערד. די באָבע יאַכנע (וואָס האָט אַליין געגעבן די עצה, ווי אַזוי מירעלען באַעוולען) זיצט לעבן מירעלען און באַדויערט זי כלומרשט. דורך זוסקינס שפּילן, דורך זיינע מימישע אויסדרוקן און צביעותדיקע אינטאָנאַציעס ווערט די באָבע יאַכנע דעמאַסקירט. דער

צושויער זעט און הערט, אַז איר מיטלייר איז פֿאַלש און אַמאָראַליש.

נאָך אַ גרעסערן רעזאָנאַנס ביי די צושויער און אין דער טעאַטער־וועלט האָט אַרויסגערופן זוסקינס אַרויפקום אויף דער בינע אין דער ראָל פון"סאָלאָווייטשיקן, דעם שרכן" אין שלום עליכמס "200.000".

דער אַקטיאָר פליט אַראָפּ (אין פולן זין פון וואָרט) אויף דער בינע, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ רויטן שירעם. שוין פון דעם דאָזיקן משונדיקן אַראָפּפלי, וואָס דערמאָנט אין שאַגאַלס אַ בילד - אַ לופט־מענטש, וואָס פליט איבער די דעכער־ווערט קלאָר דער סאָציאַלער וועזן פון סאָלאָווייטשיקן: ער איז דאָך אויך אַ לופט־מענטש.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער טוט זוסקין אַ בליצאַרטיקן שפּרונג אויף אַביידל, וואָס שטייט לינקס אויף דער בינע און איז "מבשר ואומר", אַז אַדאַנק זיין שדכנות וועט שימעלע סאָראָקערס טאָכטער, ביילקע, ווערן אַ כלה. דער חתן אירער איז קאַלטון - דער אופּראַוולייעשטשער (מענעדזשער) פונעם גביר פּיין. בעת סאָלאָווייטשיק דערציילט וועגן סאָראָקערס גרויסן געווינס, קומען צו לויפן אַלע זיינע קרעדיטאָרן: דער קצב, דער באַקאַליי־קרעמער, די מיטשניטשקע. אַלע בלייבן שטיין איינער הינטער דעם אַנדערן. נאָר, אָט טוט זוסקין־סאָלאָווייטשיק אַ מאַך מיט דער האַנט, און די גאַנצע שערענגע טוט אַ פאַל, פונקט ווי זאַנגען, וואָס מען האָט זיי מיט אַ קאָסע אונטערגעשניטן. אַזוי אַרום ווערט סאָלאָווייטשיק פאַרוואַנדלט אין אַ בופאָן־שפּילער, אַ קוועקזילבערדיק שמחה־דריידל. אַפילו די הלבשה האָט אים באַחנט. פון אַקט צו אַקט שפּראָצן אַרויס סאָלאָווייטשיקס רעאַליסטישע כאַראַקטער־שטריכן, און דער עקר - זיין לירישקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין זוסקינס שפּילן.

באַזונדערס ווערט עס בולט איז דער סצענע, אין פיינס גאַסטצימער (אינעם דריטן אַקט). זוסקין־סאָלאָווייטשיק באַווייזט זיך אין קורצע ברייטע הויזן, אין אַ שוואַרצן לעפּישן סורדוט, אויפן קאָפּ - אַ פאַרשטויבטער צעקנייטשטער שוואַרצער קאַפּעליוש. און טרויערדיקע קנייטשן אויפן שטערן. ס'פאַרשווונדן דער בלעסק פון די אויגן, און דאָס כניפהדיק מה־יפיתדיק שמייכעלע.

סאָלאָווייטשיק האַלט זיך אין איין בוקן אויף רעכטס און אויף לינקס. אָבער קיינער לייגט דאָ ניט קיין אַכט אויף אים, מיט אַ מאָל כאַפּט ער אַ שטול, עלעהיי אַ דאַמע, און לאָזט זיך אין קרייז טאַנצן. און צוזאַמען מיט דעם... פאַרשווינדט דער פריערדיקער מאַזשאָר: אויס גראָטעסק, אויס פאַנטאַסטיק. איצט קומט דער מינאָר און די רעאַלע ווירקלעכקייט. סאָלאָווייטשיק איז פאַרדאגהעט, און עס אַנטפּלעקט זיך זוסקינס באַליבטע הויפּט־טעמע - די טעמע פון אַ קליין מענטשעלע, וואָס איז דערשלאָגן מחמת סאָציאַלער אומגערעכטיקייט.

און דאָס איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון זוסקינס שאַפן.

*

און פון דאַנען צו נאָך אַ העכערן שטאַפּל אויף דעם טעאַטער־קונסט־לייטער - צו "סענדערל די יידענע" אין מענדעלעס מסעות בנימין השלישי.

ווי באַוווסט, האָט דער דעמאָקראַט און משכיל, מענדעלע, מיט דעם דאָזיקן סאַטירישן ווערק אויסן געווען צו באַווייזן, אַז די לעגענדעס וועגן די "רויטע יידעלעך", וועגן די פאַרשווונדענע "עשרת השבטים" זענען אַ פּראָדוקט פונעם נעבעכדיקן טונעיאַדעווקער לעבנסשטייגער, פון דער גוואַלדיקער אינערציע, וועלכע האָט געשטעקט אינעם אַלטפרענקישן יידישן לעבן.

אין דער פֿאָרשטעלונג האָט דער מאָסקווער "גאָסעט" באַוויזן, אַז "משעות" איז ניט נאָר סאַטירע, חוזקערײַ און סאַרקאַזם. אין איר טרעט אויפֿן ערשטן אָרט אַרויס טיפֿער מיטלייד צו די דערנידעריקטע, דערשלאָגענע קליינע מענטשעלעך - צו די בנימינס און סענדערלעך. וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין טונעיאַדעווקער זומפּ...

דער כּישוף פֿונעם ספּעקטאַקל אַנטפּלעקט זיך באַלד נאָך דעם ווען עס עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג, און עס צעבליט זיך די שפּיל פֿון די אַקטיאָרן, באַזונדערס, מיכאָעלסעס און זוסקינס שפּיל. בנימין, וואָס זעט אויס ביי מענדעלען אַזוי קאָמיש און פֿליאַסגעדריגעדיק, ווערט אין מיכאָעלסעס פֿאַרקערפּערונג באַהעלט מיט ענטוזיאַזם פֿון אַ פֿאַנאַטיקער, פֿון דעם יידישן "דאָן קיכאָט".

דאָס זעלבע קומט פֿאָר מיט זוסקינס סענדערל. דעם אַרטיסט באַצויבערט אין סענדערלען מענדעלעס מילדקייט און האַרציקייט ביים שילדערן דאָס "קליינע מענטשעלע". אין זיין שפּילן טרעט אַרויס קודם-כּל זיין וואַרעמקייט, די איבערגעגעבנהייט און ליבע פֿון דעם יידישן "סאַנטשאָ פּאַנטשאָ" צו דעם יידישן "דאָן קיכאָט", בנימינען.

ווי נאָר סענדערל באַוויַזט זיך אויף דער בינע ציט ער צו צו זיך די שטייגערנדיקע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די צושויער: עס באַוויַזט זיך אַ קריפּל: ניט קיין מאַנצביל, ניט קיין פֿרוי, ניט קיין דערוואַקסענער און ניט קיין קינד. אַ פֿאַרסאָפּעטער לויפֿט סענדערל אַרויס אויף דער בינע. ער איז פֿאַרקוטעט אין אַ ווייבערישער פֿאַטשיילע, אָנגעטאָן אין אַ ברודיקן ברייטן כאַלאַט, און ער באַוועגט זיך, ווי אַ קאַטשקע. אַ גאַנצע כאָפּטע קינדער לויפֿט אים נאָך מיט אַ גרויסן געפּילדער, ציען אים פֿאַר די פּאָלעס און קראַצן אים. די דערוואַקסענע פּרוּוון צומען זייערע קינדערס ווילדע אויפֿפֿירונג. אָבער סענדערל ווענדט זיך צו זיי מיט אַ ליב שמייכעלע:

- "נישט קשה. נישט קשה, וואָס אַרט דאָס מיך, וואָס פֿאַר אַ דאגה איך האָב. זאָלן זיי מיך אַ ביסל קראַצן".

אָט די ווערטער גיבן גלייך אַ פֿאָרשטעלונג וועגן סענדערלס פּאַסיווקייט. אַלע מאָל זאָגט ער בנימינען: - "דו ווילסט אַזוי. זאָל זיין אַזוי".

איבערראַשנדיק זענען געווען די איבערשטאַלטונג און דער קינסטלערישער אופֿן, מיט וועלכעביידע אַרטיסטן האָבן אויסגעטאָקט דעם שאַרפֿן אינערלעכן און אויסערלעכן קאָנטראַסט צווישן בנימין-מיכאָעלסן און זוסקין-סענדערל.

ביי בנימין-מיכאָעלסן איז דער קאָפּ עטוואָס פֿאַרוואָרפֿן אויף צוריק, די אויגן געריכטעט אין דער ווייטער ווייט, די גאַנצע פֿיגור אָנגעצויגן, ווי אַ סטרונע (און דאָס מאַכט אים העכער ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט). אין זיין רעכטער האַנט איז פֿעסט פֿאַרדריקט דער וואַנדער-שטעקן.

ביי סענדערל די יידענע - אויך אַ שטעקן אין דער רעכטער האַנט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די גאַנצע פֿיגור זיינע עטוואָס איינגעבויגן, די פֿיס - קרומע מיט פֿאַרקיילעכדיקע גרויסע היפּטן (און מיט דעם ווערט זוסקינס, אין דער ווירקלעכקייט, הויכע, שלאַנקע פֿיגור, אַ סך נידעריקער און דיקער) שפּרייזט ער ווי אַ קאַטשקע און באַמיט זיך ניט אָפּשטיין פֿון זיין מיטגייער.

זוסקינס סענדערל האָט אַרויסגערופֿן ניט נאָר געלעכטער און לירישן שמייכל, נאָר אויך טרויער, מיטגעפֿיל צו די פֿיל באַליידיקטע און באַגרענעצטע, וואָס די צייט פֿון נויט און פּיין האָט באַשאַפֿן.

די ראָזיקע ראָל האָט זוסקינען אַרויסגעבראַכט ניט נאָר ווי אַ קאָמעדיע־אַקטיאָר נאָר אויך ווי אַ ליריקער, און ווי אַ זעלכער האָט ער זיך באַוויזן אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע געשטאַלטן.

*

נאָך דעם ראָזיקן ספּעקטאַקל האָט דער גאָסעט זיך אומגעקערט צום וועלט־רעפּערטואַר און האָט געשטעלט שעקספּירס טראַגעדיע "דער קעניג ליר", און דאָ האָט אין אַ נייעם פאַרנעם אַ לויכט געטאָן דער דועט מיכאָעלס (קעניג ליר) און זוסקין (דער לץ).

וועגן "מיכאָעלס־קעניג ליר" איז זייער אַ סך געשריבן געוואָרן (צווישן אַנדערע – אויך מיין אַרטיקל אין "חשבון" נומ. 125, 1995 ז.ז. 21 – 32). וועגן "זוסקין־לץ" – אַ סך וויניקער. מוזן מיר דאָ זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע פּרטים פון דער ראָזיקער ראָל.

אָט האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג. פאַר דעם צושויער דערשיינט דער קיניגלעכער אויפנעם־פּאַלאַץ. אין דער מיט – דער כסא־המלכות (דער טראָן).

עס לויפט אַריין דער לץ. ער איז אָנגעטאָן ווי אַ קלאָון. איין שפּרונג, און ער זיצט שוין אויף דעם קיניגס טראָן, צעלייגט זיך בהרחבה, די פיס אונטער זיך. און מיט זיין חוצפּהדיקן שמייכעלע, מיט זיין גאַנצער ווילונגערישער אויפפירונג, ניט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט, גיט ער אייך צו פאַרשטיין, אַז ער איז דאָ, אין דעם פּאַלאַץ, אַן אייגענער מענטש, וועמען עס איז דערלויבט אָפּחוזקן, אַפילו פונעם שטאָלצן מושל. אין די געציילטע מינוטן, ווען ער פאַרבלייבט אַליין אויף דער בינע, דערלויבט ער זיך מיט טרויער אויסזינגען זיין קלוג לידל:

"איך בין אַ לץ,
איך בין אַ נאַר,
נאָר ווייסן, ווייס איך שוין דערפאַר,
וואָס פאַר אַ גליק ביי דעם דערוואַרט
מיין אַלטן בלינדן קלוגן האַר".

כמעט אין יערן אַקט חזרט איבער דער לץ דאָס דאָזיקע טרויעריקע לידל.

אין די וויטערדיקע סצענעס זעען מיר דעם לץ אַ שווייגנדיקן. בלויז מיט זיין מימיק רעאַגירט ער אויף אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר. זיין מימיק און זיין פּלאַסטיק גיבן איבער זייער אויסדריקלעך די איבערלעבונגען פון דעם לץ, זיינע באַטראַכטונגען, באַציונגען צו די אַרומיקע.

מיט גרויסער עקספּרעסיע צייכנט זיך אויס דאָס רעאַגירן פונעם לץ אין דער סצענע, ווען ליר טרייבט אַרויס זיין בעסטן פריינד, קענט. מיט אַ מאָל שפּרינגט אויף דער לץ פונעם דיל און טוט זיך אַ ריס פאָרויס. זיין גאַנצע פיגור בייט זיך און ווערט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. ער ציט אויס די רעכטע האַנט אין דער הייך און אַזוי אַרום באַגריסט ער דעם אַרויסגעטריבענעם קענט, און גלייך נאָך דעם טוט ער זיך אַ וואַרף אויפן דיל און... וויינט, וויינט שטילערהייט.

דער לץ, וועלכן ב. זוסקין האָט אויסגעקלעפּט אויף דער בינע, איז ניט קיין נעבעכל. דאָס איז אַ מענטש, אַ קעמפער פאַרן אמת.

און ווייטער קומט ב. זוסקינס העכסטע און שענסטע ראָל – די ראָל פון דעם יידישן לץ, דעם טראַדיציאָנעלן בדחן.

*

אין 1941 איז געקומען די מלחמה. ב. זוסקין האָט פּיינלעך אויפגענומען דעם אומגליק פונעם פאָלק. ווי אַ קדיש נאָך די אומגעקומענע 6 מיליאָנען און איינצייטיק, ווי אַ טרייסט און האָפענונג, האָט דער טעאַטער, באַלד נאָך דער מלחמה, אָנגעהויבן פאָרשטעלן די פּיעסע "פריילעכס" (פון זלמן־שניאור אָקון), אין וועלכער עס ווערט פאָרגעשטעלט אַ יידישע חתונה.

דער גרונט־געדאַנק פון דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל באַשטייט אין דעם, אַז דאָס פאָלק שטאַרבט ניט, עס לעבט און וועט שטענדיק לעבן, און דער בעסטער באַווייז, און ווי אַ סימבאָל פון קיום, איז די חתונה, ווייל דאָרט ווו אַ חתונה, דאָרט איז לעבן. און דאָס לעבן, נישט געקוקט אויף אַלע טראַגישע געשעענישן, ווערט פאָרגעזעצט.

און, ווי עס פירט זיך ביי יידן, איז די צענטראַלע פיגור פון דער חתונה־פייערונג, דער פריילעכער, קלוגער לץ און פאַרווײלער - דער בדחן.

אין דער דאָזיקע ראָל טרעט אַרויס ב. זוסקין. פון זיין ערשטן אויפטריט און ביז דער לעצטער סצענע ווערט פאַרכאַפּט דער צושויער־זאַל. דער זוסקין־בדחן כישופט מיט זיין חן און מיט זיין זעלטענער פעיקייט צו זיין אי קאָמיש, אי טראַגיש. ער צויבערט מיט דער וווּנדערלעכער באַהעפטונג פון האַרציקייט, הומאָר און פּאַטאָס, מיט זיין אויסערלעכער באַוועגלעכקייט און אינערלעכער קאָנצענטרירקייט.

פּאַמעלעך הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. אין דער לינקער זייט פון דער פאַרחושכטער בינע, שטייט אַ טיש, אויף אים - לייכטער מיט אָנגעצונדענע חלב־ליכט, אַרום דעם טיש - אַ מנין יידן, וואָס זאָגן קדיש. פּלוצעם לויפט אַריין דער בדחן. מיט דעם רויטן טיכל אין האַנט פאַרלעשט ער די יאָרצייט־ליכט. האָסטיק טוט ער זיך אַ קער צו דער ראַמפּע און באַפעלט דעם אָרקעסטער:

– קלעזמאָרים! שפּילט!

און עס גייט אַוועק אַ "פריילעכס". פאַר די פאַרכישופטע צושויערס שפּילט און רוישט אַ חתונה - אַ קאַרנאַוואַל. די בינע ווערט פאַרפולט מיט מחותנים, קרובים און פריינד. יעדער מיט זיין גאַנג און מיט זיינע באַוועגונגען, וואָס ווערן באַלויכטן און אַקצענטירט מיט גראָטעסק און הומאָר, מיט קינסטלערישן זשעסט און אויסדריקלעכער מימיק פון דעם בדחן. ער לאָזט ניט דורך קיינעם. מיט צוגעפּאַסטע זינגעווּדיקע פערזן שטעלט ער פאָר יעדן גאַסט:

"אָט גייט דער פעטער מענדיק
ער בלאָזט זיך, בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק".

און זוסקין דער בדחן, טוט אַ צי אַריין אין זיך די לופט, און דער צושויער דערזעט פאַר זיך אַ דיקן פאַרשוין, אַ בעל־גאווהניק, וואָס בלאָזט זיך טאַקע און פירט זיך אויף דער בינע, מעשׂה בעל־הבית. זוסקין באַזינגט די כלה און דעם חתן. ער מונטערט און שטאַרקט זיי און אויך אַלע אַנדערע, אַפילו דער ניט פאַרבעטענער, "אָרעמער מומען" שענקט ער זיין, מיט הומאָר באַשיינטן, קבלת פּנים. ער רוט ניט, ער טאַנצט און זינגט, און אָפּט זענען זיינע קורצע רעפּליקעס אָנגעפילט מיט פאָלקסווערטלעך, מיט פאָלקסטימלעכע ניגונים און מיט אַן אומעטיקער נאָטע - מיטן גייסט פונעם פאָלק. וועלכן ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך פון קינדוויז אָן.

און צום סוף - אַ אינטערעסאַנטע רעטאַל: גראָד אין דער פאָרשטעלונג, האָט ב. זוסקין, צום ערשטן מאָל. אַריינגעפירט אַ דובליאָר, אַ יונגן אַרטיסט, און פלעגט אים ניט זעלטן אַרויסלאָזן אויף דער בינע. אויף דער פראַגע פון זיינע נאָענטע און

טעאַטער־חברים – צולב וואָס טוט ער דאָס, פלעגט ער ענטפערן: "דער טעאַטער דאַרף האָבן אַן המשך, ניט נאָר מיט זיין רעפּערטואַר, נאָר אויך מיט יידישע שוישפּילערס. וואָס ס'זאָל זיך ניט טרעפן!... דער טעאַטער און דאָס לעבן דאַרף גיין ווייטער" "וואָס ס'זאָל זיך ניט טרעפן"!... ב. זוסקין, ווייזט אויס, האָט פאָרגעפילט (און אפשר אויך פאָרויסגעזען), אַז עס קאָן זיך טרעפן דאָס, וואָס האָט זיך געטראָפן...

ד.

"מאגרא רמה לבירא עמיקתא"

"פון דעם העכסטן באַרג אין דעם טיפסטן גרוב אַריין"

אַ פסוק פון "זהר"

און געטראָפן האָט זיך אָט וואָס:

אין גיכן נאָך דער מלחמה האָט סטאַלין אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן זיין שנאה צו די יידן אין לאַנד. אונטער דעם מאַנטל פון קאַמף קעגן דעם א.ג. "קאָסמאָפּאָליטיזם" האָט ער צעפלאַקערט אַן אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע קעגן די יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס – קעגן דער יידישער קולטור, בכלל. דער "פאָטער פון אַלע פעלקער" האָט באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, צום יידישן טעאַטער און קודם כל, – צו דעם "הויפּט־ייד" – שלמה מיכאָעלסן.

דעם 13־טן יאַנואַר 1948, אין דער ווייסרוסישער הויפּטשטאָט מינסק, איז לויט סטאַלינס נידערטרעכטיקן באַפעל, מיכאָעלס דערמאָרדעט געוואָרן. כדי צו באַרואיקן אויסלאַנד און אייגנצייטיק האָבן די מעגלעכקייט אויסשפּירן, וואָס עס רעדן צווישן זיך די מאָסקווער יידן וועגן דעם שוידערלעכן מאָרד, האָט סטאַלין באַפוילן אָפּשפּילן אַ בכבודיקע לויה.

אַ בלייך־ווייסער, מיט שוואַרצע פלעקן אונטער די ברייט צעעפנטע איבערגעשראָקענע אויגן, און מיט ציטערנדיקע ליפּן, האָט אָנגעהויבן זיין הספד־וואָרט בנימין זוסקין. עטלעכע רגעס האָט ער זיך ניט געקאָנט באַהערשן. עטלעכע מאָל האָט ער געעפנט דאָס מויל. פון דער וויטנס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שעפּטשעט און רעדט צו זיך אַליין. געערעדט האָט ער שטיל און זיך געוואַקלט – עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט ער פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט און פאַלן – נאָר ער האָט אויסגעהאַלטן, צונויפגעקליבן זיינע איבערגעבליבענע כוחות און אַרויסגעהויכט:

– "מיכאָעלס טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט, וואָס וועט קיין מאָל ניט פאַרפילט ווערן. מיר דאַרפן אָבער האָבן אין זינען אין וואָס פאַר אַ צייט און אין וואָס פאַר אַ לאַנד מיר לעבן" – עס איז אויסגעקומען, אַז זוסקין לויבט דאָס סטאַלינסטישע לאַנד און זיין עפּאָכע. אָבער יעדער איינער וועלכער האָט געהערט זוסקינען און האָט געזען ווי עס שטיקן אים, און ווי ס'קייקלען זיך אַראָפּ פון פּנים זיינע טרערן, האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער גרויסער אַרטיסט – מיכאָעלסעס "סאַנטשאָ פּאַנטשאָ" – האָט אַריינגעלייגט אין זיינע געזעגן־ווערטער.

נאָכן טראַגישן אומקום, האָבן די ברוטאַל־פאַלשע רעגירונס און פּאַרטיי־אינסטאַנצן באַשטימט זוסקינען פאַר דעם קינסטלערישן אָנפירער פונעם פאַריתומטן טעאַטער. אָבער דאָס האָט נישט געלינדערט זוסקינס פּיין און טרויער. פאַרקערט! פון זוסקינס פּנים איז אַנטרינען יעדער סימן פון שמייכל און רו. ער האָט זיך געפילט, ווי ער גייט אויפן "שאַרף פונעם מעסער". ער האָט אויפגעהערט צו שלאָפן. אין זיין נשמה האָט זיך באַזעצט די שרעק – די שרעק פאַר זיך אַליין, פאַרן יידישן טעאַטער און פאַרן

סאָוועטישן יידנטום.

אין דעצעמבער 1948 איז דער טעאַטער אַרויסגעפאָרן מיט גאַסטראָלן קיין לענינגראַד (פּעטערבורג). ב. זוסקין האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטפאָרן און איז פאַרבליבן אין מאָסקווע. זיינע פאַרוואונדערטע חברים, נאָענטע פריינד און אייגענע האָט ער זיין פּלוצעמדיקן אָפּזאָג צו פאָרן מיט דעם טעאַטער, דערקלערט, אַז ער איז געפערלעך קראַנק, און אַז אַ דאָקטוירים־קאָנסיליום האָט באַשלאָסן דרינגענדיק אים לייגן אין שפּיטאָל זיך היילן. (עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט געגעבן די ק.ג.ב. לייט אַן אונטערשריפט, אַז ער האָט ניט קיין רעכט אַרויספאָרן פון מאָסקווע). דעם 19־טן דעצעמבער איז ער אַריין אין שפּיטאָל און אין 4 טעג אַרום, דעם 23־טן דעצעמבער, ווען ער איז געווען אין אַ טיפן נאַרקאָטישן צושטאַנד (אין היילונגס־שלאָף) האָט מען אים גלייך פון שלאָף פאַרנומען אין אַרעסט. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אין אַ תפיסה־קאַמער. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַרעסטירט. דריי מיט אַ האַלב יאָר האָט ער געשמאַכט אין דער געפערלעכסטער לעפאָרטעווער טורמע (נאָך מער אַ שרעקלעכע ווי די לוביאַנקע־טורמע), ווו מען האָט אים געשלאָגן מכות רצח און געצוווּנגען "זיך מודה זיין" אין פאַרברעכנס, וועלכע ער איז קיין מאָל ניט באַגאַנגען... אַט ווי אַזוי די אַקאַדעמיקערן לינע שטערן (די איינציקע, וואָס איז ניט פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף) האָט באַשריבן זוסקינען, ווען זי האָט אים צופעליק געזען אין דעם אויספרעג־צימער.

– "ער איז ניט געווען ביים זינען, דאָס פּנים צעביילט, די ליפּן געשוואָלן, אַן אויסגעדאַרטער, אַ פאַרהויקערטער. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט עפּעס זאָגן, געעפנט דאָס מויל, אין וועלכן ס'איז ניט פאַרבליבן קיין איין צאָן נאָר ער האָט געשוויגן".

וועגן זיין ווייטערדיקן גורל איז באַוווּסט, אַז פון דעם 11־טן ביז דעם 18־טן יולי 1952 איז אָנגעזאַנגען אַ משפּט ביי פאַרמאַכטע טירן און ער איז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּרעזידיום־מיטגלידער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט שטראָף. די גרעאַטעוועטע פון טויט לינע שטערן האָט דערציילט, אַז אין זיין לעצטן וואָרט האָט ב. זוסקין אויף אַלע באַשולדיקונגען געענטפערט: "איך ווייס פון גאָרניט, איך האָב געוווּסט נאָר איין זאַך: מיין טעאַטער"

דעם 12־אויגוסט האָט מען אים אין דער טורמע געשאָסן. ווו איז זיין קבר ווייסט ניט קיינער עד היום!

"ניט קיין קבר, ניט קיין אַש!
יתגדל ויתקדש" (פּ. מיראַנסקי)

## עפּילאָג

אין אַ ווינטערדיקן טאָג, אָנהייב יאַנואַר 1959. איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען די לויה פון בנימין זוסקינס פרוי, עדאַ בערקאָווסקי. מען דערציילט, אַז ביי דער לויה האָבן זיך ספּאָנטאַנערהייט פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן. עס איז געווען ביי אַלעמען אַ געפיל, אַז דאָס איז די לויה אויך פון איר געהערגהעטן מאַן. בנימין זוסקין, עליו השלום וזכרונו לברכה.

## פיניע פּלאָטקין

# לידער *)

## פּאָלעסיע

דער וואַלד אין זיין פולן פּאַרנעם
טאָג־איין און טאָג־אויס ווערט באַנייט.
אָט שטייט לאַנגע יאָרן אַ דעמב,
פון שטעטל קאַפּולע ניט ווייט.

אויף דעמב אויף דעם ברייטן מיט קונסט
באַגינען אַ פויגל זינגט.
אַ הימל אַזאַ ווי בײַ אונדז
איז ערגעץ געפינען ניט גרינג.

דער אָוונט – זיין רויש און זיין שפּראַך –
פיל צויבערע קלאַנגען אַנטהאַלט.
ער שוועבט איבער אַלטינקן שליאַך,
וואָס איצט איז באַדעקט מיט אַספּאַלט.

פון טיף פון פּאָלעסיע דער וועג
דורך מענדעלעס שטעטל גייט דורך.
ניט זעלטן, ווען וואַרעם ס׳איז, טרעפט
אַ בושעל די ערטער באַזוכט.

ניטאָ מער די זומפּן דאָרט, ניין,
דאָס פעלד זיינע שטחים פאַרנעמט.
דאָס אַלץ איז מיין אייגענע היים,
אָן איר כ׳וואָלט דען לעבן געקענט?

## האַרבסטיקע מאָטיוון

ס׳איז אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן:
ס׳שפּריצט אַ רעגן, ס׳בלאָזט אַ ווינטל,
ס׳האָט ניט שלעבט זיך איינגעאָרדנט
אויף אַן עפּלבוים אַ גימפּל.

אַלץ, וואָס ס׳קומט אים, ווערט געגעבן:
ס׳איז ניט קאַלט אים, שפּייז געפינט ער.
ער ווייסט זיכער קענען לעבן
אין זיין נעסט אַ גאַנצן ווינטער.

זעלטן, בלויז פאַרוועלקטע קווייטן,
קאָן מען, ערטערווייז, געפינען.
נאָענט, לעם אַן אַלטן פּלויטל,
ברענט אַ ראַבינע אַ דינע.

אָפּטמאָל, אין אַ גוטן אופן,
שפּילן זיך דאָ קינדער קליינע.
וואָלקנס קומען און אַנטלויפן,
ביז דער הימל ווערט אַ ריינער.

און ביינאַכט די שטערן בלאַנקען,
די לבנה ווערט אַנטשלאָפן.
הויל דאָס פעלד, הויל די לאָנקע,
ס׳בלאָזט אַ פרישער ווינט פון צפון.

* * *

מיט מיר האָט מען זיך זעלטן ווען באַרימט,
נישט אַלעמאָל מיך, ווי אַ מענטש, פאַרשטאַנען.
מיין אורטייל איז שוין דאַן געווען באַשטימט,
נאָך איידער ס׳האָט געבוירן מיך די מאַמע.

מיין טאַטע, פונקט ווי אַלע טאַטעס, לאַנג
אַ וועג אַ גוטן האָט פאַר מיר געקליבן,
נאָר ער איז נישט געקומען צום געדאַנק
אַ קוק טאָן, וואָס אין אורטייל איז פאַרשריבן.

*) פונעם נאָרוואָס דערשינענעם בוך א.ג. "מיט אַן אָפן האַרץ".

הירשע־דוד מעינקעס (קאַפּעלולאָ, וויילז)

# דער פויגל אין בריוועקסטל

(דערציילונג)

ביי גרעוויל באַנד האָבן זיך די אויגן יענע נאַכט ניט צוגעמאַכט. פונדעסטוועגן איז ער אַראָפּ פון בעט אינדערפרי גאָרניט מיד. ס׳האָט אים נאָר געפּייניקט אַ לייכטער קאַפּווייטיק וואָס ער האָט שיער ניט אַרויפגעטאָן אויף זיך במזיד, בכדי אַ שוידערלעכן צער עטוואָס צו פאַרגלעטן מיט אַ קלענערער, צייטווייליקער אָנשיקעניש.

געווען איז דאָס דער לעצטער טאָג ביי דער אַרבעט, אין דער גרויסער ברילן־קראָם "אַנדערסאָן ענד וויליאַמסאָן" אין צענטער לאָנדאָן.

אַ קאָפּ פאַר האַלב זעקס אויפדערנאַכט האָט מען פאַרשפאַרט די צוויי אַקעגנדיקע גלעזערנע טירן. מ׳האָט גענומען צוטראָגן פלעשלעך וויין מיט אַ גרויסן טאָרט אויף וועלכן ס׳האָבן געטרויערט פינף און זעכציק ווייס־גרויע ליכטעלעך. מ׳האָט גרעוויל באַנדן דערלאַנגט אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ קייטעלע, אויף וועלכן ס׳איז געווען איינגעקריצט זיין נאָמען און די יאָרן געטרייע אַרבעט פאַר אַנדערסאָן ענד וויליאַמסאָן.

די קאָלעגין פּעגי גראַנוויל, אַן אַלטע מויד אַ יאָר פופציק, אַ דיקלעכע, מיט שאַטענענע האָר, דורכגעסטרונעטע מיט ווייסע הערעלעך לאַנגע, איז תמיד געווען פאַרגליווערט אין דעם האַלבן שמייכל פון טרויעריק־פּאַרזעסענע. זי האָט צוגעקוקט מיט ווייטיק אויפן אלמן וואָס האָט פון אירע אַלע חנדלעלעך קיין איבעריקן פּירוש ניט געמאַכט. און איצט גייט ער גאָר אַוועק. ווי וויל זי איז געזעסן מיט אַלעמען באַנאַנד, האָט געטראַכט אַז זי טוט זיצן פאַר זיך, אַלמנה־מעסיק, אין אַ ווינקעלע קאַמער. זי איז געגאַנגען מיט איר באַליבסט קלייד, אַ ווייסע מיט בלויאינקע קעסטעלעך אויסגעצירט.

און אָט האָט ווי אינדערלופטן געהוידעט די יונגע קאָלעגין ניאַ עוואַנס, אַ קליינינקע בראַנד, אַ וועלשישע, מיט אַ קאָפּ צו־קורץ געשאָרענע געלע האָר, זי האָט צו אירע פינף־און־צוואַנציק שוין אַ פאַרביסענע געטרויערט אויף אַן אַמאָליקן געליבטן, ווי אַן אַלטע, פון־לאַנג־אַרויסגעשיקטע ליובאָווניצע. מיט אַ ווייטן, תאוהלאָזן בליק האָט אויך איר געצויגן צום אַלטן גרעוויל באַנד מיט אַנטוישטע אויגן וואָס האָבן שוין עטלעכע יאָר דעם אלמן גרעוויל באַנד געפּרוווט אַ זאָג טאָן: "חבר מעג מען דאָך זיין".

דער גלאַוונער באַלעבאָס מיסטער וויליאַמסאָן, אַ דאַרינקער טראָפּ מיט ריזיקע שוואַרצע ברילן – מער האָט מען פון זיין צורה ניט פאַרגעדענקט – האָט אַ רעדע געהאַלטן, געלויבט גרעוויל באַנדן, ניט דערמאָנענדיק אסור־מיאוסקייט, אַז אַחוץ אים אַליין, איז גרעוויל באַנד דער איינאונאיינציקער, וואָס קען נאָך געדענקען דעם מיטגרינדער, דעם שותף אַנדערסאָן, וועמען וויליאַמסאָן האָט גוט אויסגענוצט און גוט אַוועקגעשליידערט, מיט אַלע כיטרע שטיק וואָס אין דער העפלעכער ענגלישער קאָרט.

– אונדז אַלעמען איז גרעוויל באַנד מער ווי אַ טייערער קאָלעגע און אַ ליבער פריינט. ער שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרקערפּערונג פון פּראָפעסיאָנאַליזם, געטריישאַפט דער פירמע, אַ שטרעבונג צו אויסגעצייכנטקייט. דאָס וואָס אונדזער פירמע האָט זיך אויסגעבויט פון אַ קליין געשעפטל ביז אָט דער גרויסער באַרימטער געשעפט איז אין אַ גרויסער מאָס אַראַנק אים. איך וועל ניט האַלטן קיין לאַנגע רעדע, מיר ווילן אַלע בעסער ריידן מיט גרעווילן! מיט גרעווילן! אים איבערגעבן אונדזערע ווונטשן אויף אַ גליקלעכער און לאַנגער צוקונפט. איך וועל נאָר דערמאָנען די ערשטע

זאַך וואָס איך האָב ביי אים געלערנט אַז ער איז דא געקומען אַרבעטן מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק. ער האָט מיר גלייך אָנגעוויזן אַז אויפן קליענט טאָר מען ניט דריקן! זאָל ער אַליין אַרומגיין, אָנמעסטן וועלכע ברילן־רעמלעך עס גלוסט זיך אים און ערשט דאַן ווען ער, דער קליענט אַליין, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ לענערער צייט אויף רעמלעך וואָס פּאַסן אים טאַקע, גייט מען צו און מען זאָגט אים ווי שיין ער זעט אויס, ווי שיין זי זעט אויס. אַדאַנק גרעוויל באַנדס חכמה זיינען מיר פֿאַנאַנדערגעוואַקסן. מיר קוקן אַרויס אויף זיין פּריינטשאַפט און זיינע עצות אין די ווייטערדיקע יאָרן. מיר ווינטשן אים געזונט און דערפֿאָלג אין אַלץ וואָס ער טוט. גרעווילו! - האָט ער מיט אַ זיכערן, געלאַסענעם צי דאָס גלעזל אינדערלופטן אַ הייב געטאָן אַ קאַפּ. ניט מער ווי אַ קאַפּ, עלעהיי דער דוחק אין ענערגיע וואָלט אָנרייטן דערויף, אַז דער באַלעבאָס גייט גאָרניט מאַכן אַן אָנשטעל אַז ער גלייבט אין די אייגענע פּלוידערייען.

-גרע־ווילו! - האָט מען, מיט אַן אויסגעדונערטן צונויפגעפּלאָכטענעם קול, אַ שריי אויס געטאָן. פון דער לוסטיקייט, שיער ניט אויסלענדעריש, וואָלט אַ זייטיקן איינגעפאַלן, אַז מ'איז גאָר גליקלעך אַז מען איז פּטור פון וועטעראַן. פּאַרוואָר, יינגערע האָבן די לחיימס גלאַט אויסגענוצט אויף פלירטעוואַטע האַלבע־שטיקלעך. עלטערע, סעריאָזנע פּאַרוואַלטונגס־לייט האָבן גערעדט אין געשעפט־זאַכן, זיך אויסגעפּיינט מיט אַזעלכע־און־מיט־אַנדערע ציפערן.

אין גאַנג פון אָנדערהאַלבן שעה, זיך אָנזשליאָקען און דורכפּלאַפּלען, איז גרעוויל באַנד אין די אויגן פון זיינע קאָלעגן ביסלעכווייז אַריבער פון אַ חשובן קאָלעגע אויף אַ לעבעדיקן מת, וואָס איז שוין אויס מענטש און וועט זיך נוצלאָז אַרומפּאָרען ביי זיך אין שטוב, ביז וואַנען זיין קערפּער וועט אין איינעם אַ טאָג אויפהערן אַרבעטן.

אויפן געזעגענונגס־לחיים האָט זיך שוין אַרומגעדרייט דער דערשראָקענער יונגערמאַנטשיק וועמען מ'האָט אָנגעשטעלט אויף זיין שטעלע.

גרעוויל באַנד איז געווען צוגעווינט אַהיימפּאָרן האַלב זעקס, אַז די וואַגאָנען פון "אונטערגרונט" זיינען געפּאַקט מיט צונויפגעקוועטשטע מענטשלעך. איצט איז באַלד געווען ניין, און דער וואַגאָן, אַ כמעט ליידיקער, האָט אַלע ווײַלע לייכטזיניק־לייכטוואָגיק אַ שפּרונג געטאָן איבער די רעלסן, אַ מדלג־על־ההרים.

געזעסן זיינען דאָרטן נאָך אַ פּאָר "מ'דאַרף־זיי־ניט" טיפּן, וואָס איילן זיך אין ערגעצניט, מיט אויסגעלאָשענעם אימפּעט.

זיצנדיק אין באַן האָט אים רגעוויז פאַרדראָסן אויף זיין ווייב, וואָס איז פון אַ מענטש - אַ באַרמענע געוואָרן, אַ מעשה אַ יאָר פינף. און קעגן אייגענעם ווילן, איז די מחשבה אַריבער אויף דער קאָלעגין פּעגי גראַנוויל, וואָס האָט נאָך אים געגאַרט, און וועמען ער האָט מיט לויטערער קעלט אָוועקגעשטויסן, עלעהיי זי וואָלט שולדיק זיין אין דער ווייבס פלוצימדיקן - אומוועדן. און נאָכמער קעגן זיין ווילן, איז אים באַפאַלן אין וואַגאָן די צורה פון דער יונגער ניאַ עוואַנס, וועמענס כיטרעלאָזע איינלאַדונגען אויף אַ טעפּל טיי ער האָט בשום אופן ניט געקענט אָננעמען.

אויס פּעגי, אויס ניאַ. אויס אַרבעט, אויס ברילן־פּאַרקויפער.

איצט וועט ער שוין קיינעם מער קיין איינלאַדונג ניט אַנטזאָגן.

דער מיטלווּקסיקער, געזונטער גרעוויל באַנד האָט גענומען טרויערן איבער זיינע געבליבענע יאָרן. מיט די פיר לאַנגע פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט ער כסדר צוגעגלעט די געדיכטע גרויע האָר וואָס אויפן קאָפּ אויף הינטערווײַלעכץ, און זיך געוווּנדערט בעת מעשה, ווי אַ מענטש אין זיינע יאָרן נעמט זיך פּלוצלינג האַלבן צו

שפּאָגל־נייַע העוויות. די מחשבות האָבן זיך נאָכמער פּאַרמרהשחורהט. ער גייט אַרום אַ געוועזענער, מיט אַן ענדלאָזער רייי אויסגעליידיקטע טעג. יעדער טאָג - אַ קופּע צער.

און דער שטייפער גרעוויל באָנד האָט געגומען כּליפּען, גאָרניט מעשה גרעוויל באָנד. אַרויס פון וואַגאָן, אַרויף אויף טרעפּ, אַראָפּ אויף טרעפּ. פון פּעגי, ניאַ, אויסגעליידיקטע טעג, האָט זיך די מחשבה, - אַלץ אויף אייגענער אחריות, גרעוויל האָט שוין דאָ קיין וואָרט ניט געהאַט - זיך אומגעקערט אויף דער פּרוי, וואָס האָט אים אַזוי פּלוצים געמאַכט אַ שטאַרב. זי איז אין לעבן ניט געקומען אַ קוק טאָן ביי אים אויף דער אַרבעט, דאָס איז דאָך זיין זאַך. איי וואָלט זי אים היינט אָפּגעוואַרט אין שטוב מיט אַ פלאַש וויין פון פראַנקרייך. נאָכער וואָלטן זיי אַוועק אויף וואַקאַציע, ערגעץ אין אַ זונעדיק לאַנד ווו קיין לאָנדאָנער דושנע טעג שאַרן זיך ניט אַריבער. און איצט גייט ער, אין אַ פּוסטער שטוב אַוועק, אויף איינזאַמקייט און אומעט. אַרויסקוקן האָט ער מערניט אויף צוויי זאַכן: שלאָפקייט און טויט.

שוכן־עפּרדיק געלאַסן איז ער אַוועק אַהיימצוצו. אַ פּיצל רגע ט'ער געגומען קלערן - ער אַליין און ניט קיין מלאך, ער אַליין און ניט קיין מחשבה־זרה - וועגן אַ זאַך וואָס קען ביי אים אַ הייב טאָן דעם מוט. וואָס וואָלט זיין, ווען ער זאָל גיין אין טעאַטער־קראָם, דינגען אַ פּאַרוק מיט אַ שטאָק־ווילדער פּאַרשטעלעניש און אַריין צו אַנדערסאָן ענד וויליאַמסאָן, בעטן מיט אַ פאַרשטעלטן קול אָנמעסטן ברילן־רעמעלך. אַז? אַ.

האַרט ביי דער שטוב האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע די מטבע אויפן אָוונט־בלאַט, נאָר דער וואָס האָט אַלע פּאַרנאַכט אום זעקס אַזייגער פּאַרקויפט, איז ניט־געווען.

גרעוויל באָנד איז אַרויף אויף די טרעפּ צו דער וווינונג, מיטן גאַנג פון ניי־געבאָרענעם זקן.

אַ דריי געטאָן דעם ערשטן, גרויסן, אַלטמאָדישן שליסל. אויפגעדרייט דעם ערשטן שלאָס. אויפגעדרייט דעם צווייטן, קליינעם, מאָדערנעם שלעסל. דאָס שליסעלע צוגעדריקט צו רעכטס־צו. בשעת מעשה מיט דער צווייטער האַנט אַ דריי געטאָן די קליאַמקע. אַריין אין טונקעלן קאָרידאָר.

אָנגעצונדן עלעקטרע, איז ער פּאַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר פון זיין שטוב און פּלוצלונג דערזען ליגנדיק אויף דרערד אַ פּילקאָליריקן פויגל, שיין ווי אַן אומגעריכטער רעגנבויגן.

דער פויגל איז געווען פּערפעקט אויסגעפורעמט, אָן אַ וווּנד, אָן אַ פּגם. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און זיך נעענטער צוגעקוקט. מיט אַ שפּיץ שוך האָט ער אַ שאַר געטאָן, אַ פּרווו אויף צו זען, צי וועט זיך ניט אויפכאַפּן דער פּילקאָליריקער פויגל פון פייגלשן שלאָף און אַ פלי־אַרויף טאָן, לויטן שטייגער פון די פייגל.

דער פויגל איז געווען טויט וואָס טויט קען זיין. אַ כּל־שהוא־פון־אַ־רגע ט'ער דערזען פּאַר די אויגן זיין פּלוצים־געשטאָרבענע ווייב. אויך ביי איר האָט זיך ניט געזען קיין פּגם. אויך דער פויגל האָט אין זיין גליווער אויסגעשטראַלט ווי אַ שיינהייט, וואָס גייט אַוועק פון דער וועלט אין שלימותדיקער פּראַכט.

גרעוויל באָנד האָט אַרויסגעלאָזט אַ קייכעניש. דער קאָפּ זיינער האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשאָט אויף הינטערוויילעכץ. די אויגן האָבן דערבליקט די אַלטע סטעליע.

אַ ציטער מיט אַ קעלט זיינען אים דורכגעלאָפן אין דער שדרה, איינס נאָכן אַנדערן.

ער איז אַרויס אין הינטערהויף נעמען אַ רידל, זיך אומגעקערט אין קאָרידאָר פון שטוב, און דעם פויגל אַ הייב געטאָן און אַריינגעשאַרט אין אַ שוואַרצן זאַק; די צוויי שלעסער אויפגעשלאָסן און דעם זאַק אינדרויסן אַוועקגעטראָגן, אין פאָרנט פון הויז; אַ וואָרף געטאָן מיט עקל אין גרויסן בלעכענעם מיסטקאַסטן. אין זאַק איז שוין געלעגן אַ מיאוסע פגירה, ניט קיין שלימותדיקע באַשעפעניש, וואָס אין אייביקער רו.

ער איז צוריק אַריין, מיט ביידע שלעסער פאַרשפאַרט די פאָדערשטע טיר, זיך צוגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן, מיט איין שלוק אַריינגעגאָסן אין דער קעל. אים איז אָנגעפאַלן אַ שווייס איבערן קערפּער. ער האָט זיך אויסגעטאָן זיין רעקל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן. דער קאָפּ איז נאָך געווען ביי אים קלאָר, צו קלאָר, און ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע דערזען דעם טויטן פויגל אויפן דיל. ער איז אַ שאָק מיט יאָרן ניט שיכור געווען און איצט האָט ער נאָר געוואָלט אַוועקפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. ער האָט זיך צוגעגאָסן נאָך אַ גלאָז און נאָך אַ גלאָז, ביז וואַנען ער איז טאַקע אַוועקגעפאַלן אין אַ שווערן שכרות־שלאָף אויפן דיוואַן. איבעריקנס, וועגן אויפשטיין פרי אויף מאָרגן איז ניט געווען וואָס צו דאגהנען.

צומאָרגנס האָט זיך גרעוויל באַנד אויפגעכאַפּט פון בעט האָפּערדיק און ענערגיש, גאָרניט ווי אַ ניי־פּענסיאָנירטער וואָס האָט אין דער היים געטראָפן אַ טויטן פויגל און זיך אָנגעטאָן אַ שלאָף מיט אַ פלאַש בראָנפן. ער האָט זיך אָפּגעבאָדן, אָפּראַזירט און זיך אויסגעפּוצט מיט אַן אָנצוג. וואָרהאַפּטיק, ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

אויפן אָרט פון פאַרקויפן רעמעלך פון ברילן, האָט ער אַ נייע אויפגאַבע געהאַט: דערגיין די זאַך. פון וואַנען איז צו אים געקומען אויף דער פאָדלאָגע אַ טויטער פויגל? מיט אַן אָנצוג האָט ער זיך געשפּירט צוגעגרייט צו אַוועלכער ניט איז אויפגאַבע. שטילערהייט האָט זיך דערפרייט זיין האַרץ, אַז דאָס לעבן האָט אים צוגעשאָנקען אַ נייע אַרבעט. אָבער גלייך, אין ערשטן טאָג פון זיין פּענסיאָנירונג. דאָ אויף דער וועלט אַ גאָט.

באַוואָפנט מיטן אָנצוג האָט גרעוויל באַנד אַרויפגעקלעטערט מיט אַ לייטערל אויפן בוידעם קאָנטראָלירן צי איז ניט אַראָפּגעפאַלן אַ דעכלקע. דאָס טירעלע וואָס פון אייבערשטן קאָרידאָר אויפן בוידעם אַרויף איז גראָדע געווען עטנלעכע וואָכן אָפן. קיין דרויסנדיקע ליכט האָט זיך ניט אָנגעזען אין בוידעם. קיין פויגל האָט דאָרטן ניט געקענט אַריין.

ס'איז געווען אַ קאַלטלעכער אָנהייב־פרילינג און אַלע פענצטער זיינען פון פריערדיקן טאָג געבליבן פאַרשפאַרט. אים איז אויפסניי באַפאַלן אַ שרעק מיט אַ קעלט.

אַרומגעקלערט אַלע מעגלעכקייטן, איז געבליבן אַן איינאיינציקע:

עמעצער האָט אַריינגעוואָרפן אַ טויטן פויגל דורכן בריווקעסטל.

דעם פויגל האָט ער געפונען ווייטלעך פונעם בריווקעסטל נאָר אין אַ גראָדער ליניע פונדערפון, אין סאַמע מיט קאָרידאָר. אַ פלינקע האַנט, אַן אַריינגעשטעקטע אין גרויסן בריווקעסטל, האַלטנדיק דעם טויטן פויגל, האָט די פגירה אַ וואָרף געטאָן, ווי ווייט אין שטוב אַריין ס'האָט זיך געלאָזן. די גראָדע ליניע האָט קיין צופאַל ניט געקענט זיין. דאָס האָט עמעצער אַ שונא אים אָפּגעטאָן אַ מיאוסע זאַך, אָנגעוואָרנט, אפשר געקומען אַפילו סטראַשען מיט מאָרד. אַזעלכע שטיק טוען ניט אָפּ קיין קאַליקעס, אַ בריה אויף וואַרפן האָט עס העט ווייט אין קאָרידאָר אַריינגעשליידערט. פּע.

גרעוויל באַנד האָט זיך דערמאָנט אין די גענגסטער פילמען: מ'שיקט אַ טויטן ראָץ

דעם וועמען מ׳גייט הרגענען. פון אַ טויטן ראַץ ביז אַ טויטן פויגל איז אַ קנאַפּער מהלך. אַריינשטעקן אַ האַנט אין יענעמס בריווקעסטל, און אַ וואַרף טאָן אַזאַ מיאוסקייט צו אים אין דער שטוב אַריין, איז מער העזהדיק, מער דראַענדיק, ווי שיקן פּאַסקודסטווע דורך דער פּאָסט. אַזוי האָט ביי זיך אָפּגעפּאַסט גרעוויל באָנד.

ער איז אַוועק אין דער פּאָליציי ניט ווייט, זיי אָנדערצײלט וואָס ס׳האָט פּאַסירט. מ׳האָט אים אויסגעפרעגט צי האָט ער וועלכע ניט איז שונאים און צי איז ער ניט געווען פאַרפּלאָנטערט אין אַוועלכן ניט איז סיכסוך, אַ גרויסן צי אַ קליינעם, מיט אַ געליבטע, מיט אַ צווייטן קאַוואַליער פון אַ געליבטע, צי גאָר מיט אַ קליענט פון דער גרויסער ברילן־קראָם פון וואַנען ער האָט זיך אָקערשט פּענסיאָנירט.

ער האָט זיך צו גאָרנישניט ניט דערטראַכט. ביז מיט אַ יאָר פינף פאַר דעם געווען אַ געטרייער מאַן. דערנאָך – אַליין. ביי דער אַרבעט ט׳ער אַוודאי ניט געהאַט קיין שונאים. פאַרקערט, אַז אַ קליענט איז געווען אומצופרידן מיט די ברילן האָט ער, גרעוויל באָנד, איינגעפירט מ׳זאָל אים בחינם אויסבייטן אויף אַנדערע וואָס זאָלן אים זיין צום האַרצן. ער האָט דאָס אויסגעלערנט דעם סאַמעראָרנעם באַלעבאָס אַפילו, אַז מיט זעלטן שיינער באַהאַנדלונג געווינט מען אויף אייביק אַ קליענט און סוף־כל־סוף פאַרדינט מען אָן אַ שיעור מער איידער מיט אַנטױשן.

ער האָט זיי דערצײלט אַז נעכטן איז געווען דער לעצטער טאָג זיינער ביי דער אַרבעט אין דער גרויסער ברילן־קראָם "אַנדערסאָן ענד ווילִיאַמסאָן" אין צענטער שטאָט.

די צוויי פּאָליציאַנטן וועלכע האָבן דאָס אַלצדינג אויסגעהערט, האָבן שטאַרק געספּקט אין דעם, צי איז גרעוויל באָנד אַ קלאָרער. זיי האָבן אַ בליק געטאָן איינער צום אַנדערן, מיט אַ שמץ אַנוווּנק וואָס איז געקומען צו וויסן טאָן, אַז דאָ איז אָן עלנטער וואָס גאַרט נאָך אויפמערקזאַמקייט. איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט אים איבערגעריסן, אַ פרעג געטאָן צי דער טויטער פויגל איז נאָך פאַראַן. ער האָט געענטפערט אַז ער האָט עס אַרויסגעטראָגן אין אַ שוואַרצן זאַק אין בלעכענעם מיסטקאַסטן וואָס אין גאַס, וואָס מ׳האָט יענעם פרימאָרגן מסתמא שוין אויסגעליידיקט.

דער צווייטער, וואָס האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אין פּאָליציייִשן פּנקס, האָט אַ קוק געכאַפּט אויף דער לאַנגער ריי מיטמענטשן וואָס האָבן געוואַרט געבן באַריכטן וועגן גניבות, פאַרלוסטן, פאַרשידענע פאַרברעכנס און אַלערלייאיקע שטאָטישע קרענק און נאָכשלעפּעניש. מ׳האָט ראַפּטעם אָפּגעהאַקט דעם אינטערוויו, אָנגעזאָגט גרעוויל באָנדן, אַז טאָמער טרעפט גאָרניט ווייטער זאָל ער אין דעם ניט־אָנגענעמען אינצידענט פאַרגעסן. לאָנדאָן איז אַ גרויסע שטאָט, ניט ווייניק משוגעים דרייען זיך אַרומעט. טאָמער עפּעס, זאָל ער צו זיי ווייטער אַריינגיין. זיי ווידער וועלן די מעשה איבערקאָנטראָלירן מיטן קאָמפּיוטער, געוואָר ווערן צי עס דרייט זיך ניט אַרום אין געגנט אַ גערירטער וואָס וואַרפט טויטע פייגל אין די בריווקעסטלעך. משוגעתן פעלן אין לאָנדאָן?

ער איז אַרויס פון דער פּאָליציי סטאַנציע. ער האָט געקויפט אַ העפט אין אַ פּאַפּיר קראָם. ער איז אַוועק מיט דער העפט אין אַ קאַפע ניט ווייט. צום ערשטן מאָל אין אַ וואָכן־טאָג אינדערפרי אין קאַפע. גענומען פאַרצייכענען אין העפט מעגלעכע שונאים.

מיט אַ יאָר פערציק פריער, נאָך איידער ער האָט זיך צונויפגעשמעקט מיט זיין ווייב, האָט ער אָפּגעלאָזן אַ געליבטע, נאָכן צוזאָגן אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן.

ער האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער מיט וועמען ער האָט שוין אַ שאָק מיט יאָרן ניט

גערעדט, צוליב אַ סיכסוך איבערן פּאַטערס קליינער ירושה. יענער איז אָבער לאַנג געווען אין ניו־זילאַנד. וואָלט ער געבליבן אין לאָנדאָן וואָלט מען שוין לאַנג שווה־בשווה געוואָרן.

אַלצדינג ט'ער פאַרשריבן, און אַ קלער געטאָן דערווײַלע, אַז יעדער מענטש האָט סיכסוכים און שונאים אין זײַנע יאָרן, מ'דאַרף זיך נאָר אַרײַנקלערן. פונדעסטוועגן, וואָס מער אַרײַנגעקלערט, איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז קיין איינעם פון זיי וואָלט ניט אײַנגעפאַלן אַ וואַרף טאָן אַ טויטן פויגל דורך זײַן בריווקעסטל. אַ ווילדע מעשה.

און בשעת מעשה האָט אים געפּלאָגט דער אויספּיר, אַז ס'קען פּאַרט קיין צופאַל ניט זײַן, וואָס אַזאַ־אָ מיאוסקייט האָט מען אים אָפּגעטאָן גראַדע אין טאָג פון זײַן פּענסיאָנירונג. פּע.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן מיט אַ פּחד זיך אומצוקערן צו דער שטוב, טאָמער האָט מען אים ווידער אַרײַנגעוואָרפן אַ טויטע חיה דורכן בריווקעסטל. אַז ער האָט פאַרנאַכט אַ דערשראָקענער אויפגעשלאָסן די בײַרע שלעסער זײַנען געווען אויף דער פאַדלאָגע בלויז צוויי רעקלאַמע־בלעטלעך וואָס מ'האָט אַרײַנגעוואָרפן אין יעדער שטוב אויף דער גאַס.

ווען ער איז אַוועק פון דער אַרבעט צום לעצטן מאָל האָט ער מורא געהאַט אַז די טעג וועלן אים נעמען קריכן ווי יאָרן. זיי זײַנען אָבער אַוועקגעלאָפן אַלץ מער האַסטיק.

עס איז אַוועק אַ יאָר. און צוויי יאָר. און דריי יאָר.

אַלץ ווי גאָרניט. די טעג זײַנע, פּונקט ווי די נעכט, זײַנען פאַרנעפּלט געוואָרן פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ האַלב־טאָגיקער האַלב־נאַכטיקער אויסציונג, אַן אייגענעם תהום. אַ לעבן איז דאָס געווען, ווו קיין זאַך פּאַסירט ניט. די טעגלעכע טואונגען – אײַנקויפן, קאָכן, אַרומגיין, אויפראַמען – זײַנען געווען אומבאַוווסטזיניקע אַווטאָמאַטישע מעשים.

ווען ניט די אַרײַנטראַכטענישן אַלע טאָג אין דער פראַגע, ווער עס האָט אים אַרײַנגעוואָרפן דעם טויטן פויגל דורכן בריווקעסטל, וואָלט ער בכלל ניט געטראַכט. ער וואָלט קיין מענטש ניט געווען, בלויז אַ קערפּער וואָס פירט אַדורך טעגלעכע מעשים וואָס זײַנען נייטיק, כדי די שפּראָנזשינעס וואָס אין מאַשין זאָלן זיך ווייטער דרייען. האָט ער ווען ניט ווען מיט אַ שמייכל אַ טראַכט געטאָן, אַז בלויז אַראַנק דער גרויסער פראַגע האָט ער בכלל וועגן וואָס צו טראַכטן אויף דער עלטער.

גרעוויל באַנדס אַרײַנקלערענישן זײַנען אָבער געווען פון יענע אָבסעסיעס וואָס לאָזן דעם מענטשן ניט צורו. אַז עס זײַנען אַוועק פינף יאָר, און ער האָט צו די זיבעציק זיך געלאָזן אונטערזוכן פון דאָקטער, האָט אים דער דאָקטער אויסגעפרעגט וועגן זײַן לעבן. האָט ער דעם דאָקטער גלייך פאַרטרויט אַז אין טאָג פון זײַן פּענסיאָנירונג האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן דורכן בריווקעסטל אַ טויטן פויגל.

דער דאָקטער האָט אים געמאַכט אַ באַשטימונג מיט אַ "טעראַפּיסט", אים איידל דערקלערט, אַז דאָס שיקט ער אים צום טעראַפּיסט ניט ווייל ס'איז דאָ אַ חשד אַז די מעשה מיטן פויגל איז ניט אמת, נאָר צוליב אַ גאָר פּראַקטישער סיבה: יענער וועט אים העלפן דערגיין אַ טאָלק. דערגיין אַ טאָלק, איז דאָך גוט.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז גרעוויל באַנד אַוועק צום טעראַפּיסט. דער יונגער הויכער יאַט מיט לאַנגע בלאָנדע האָר און קליינע רונדע ברילן האָט אים אויסגעהערט, איבערגעפרעגט, און סוף־כל־סוף דערלאַנגט זײַן רפואה.

– איר האָט געהאַט זייער אַ שלימען מזל, וואָס גראַדע אין טאָג פון אייער פּענסיאָנירונג מיט פינף יאָר צוריק, האָט אַ משוגענער אייך אָפּגעטאָן אַזאַ מיאוסע זאַך. ס'איז אינגאַנצן נאָרמאַל אַז אַזאַ מעשה זאָל פּייניקן, ס'איז מענטשלעך, ס'איז צום דערוואַרטן. ס'פּאַרדריסט נאָר וואָס איר זייט צו מיר פריער ניט אַריין. וואָס קען איך אייך זאָגן? דער גרעסטער כח פון מענטשלעכן גייסט איז דאָס ציען גוטס פון שלעכטס. דערפאָלג פון דורכפאַל. איינפאַלן פון צופאַלן. איז הערט אויס: אין שטוב וועט אייך זיין אַ סך פריילעכער, אַז איר וועט זיך צוקויפן אַ הויז־חיהלע, אַ קעצל צי אַ הינטל. און אפשר גאָר אַ פויגל אַ שיינער. וואָס זאָגט איר, אַ?

גרעוויל באַנד האָט דעם טעראַפּיסט אָפּגעראַנקט מיט אַ האַלבן מויל, און איז אַוועק אַהיים. ער איז פון תמיד געווען איבערפּאָרזיכטיק אין ענינים פון שטובישער ריינקייט. קיין חיות האָבן אים ניט אויסגעפּעלט.

ביים אַרויסגיין אין גאַס – דאָס איז געווען אין צענטער לאָנדאָן, ניט זייער ווייט פון "אַנדערסאָן ענד וויליאַמסאָן" – האָט גרעוויל באַנד פּלוצלונג פּאַרגעסן אין פויגל, אין די פינף יאָר, און אינעם טעראַפּיסטס עצות. אים זיינען אַרויפגעלאָפן די מחשבות בעת דער רייזע אַהיימצוצו אויף דער אונטערגרונט באַן, דאַמאַלסט, אין דער נאַכט פון זיין פּענסיאָנירונג.

אים איז איינגעפאַלן, אַז נאָך פינף יאָר מעג מען אַריין אין דער אַמאָליקער קראָם. ער איז אַוועק אַהין און אַריין.

מ'האָט זיך מיט אים אַלע דערפרייט. "גרעוויל" דאָ און "גרעוויל" דאָרטן. וווּ זייט איר געווען? פאַרוואָס זייט איר פאַרשווונדן געוואָרן? דאָס איז אַלץ געווען פון האַרצן, ניט פון צערעמאָניע וועגן, ווי דאַמאָלסט ביי דער געזעגענונגס־מסיבה.

ס'איז געווען האַרט פאַר דער מיטיק שעה: "גרעוויל, לאָנטשו" האָט גענומען קלינגען רונד אַרום.

מ'איז אַריין אין אַ נייעם רעסטאָראַן וואָס איז בימי גרעוויל ניט פאַראַן געווען, אים זאָל זיין אינטערעסאַנט.

ביי דעם מיטיק, איבער אַ גלעזל וויין, האָט זיך צעלאַכט די יונגע ניאַ עוואַנס, געגעבן גרעוויל באַנדן צו פאַרשטיין אַז זיין "ליובאָוויניצע וואָס איז קיינמאָל ניט געווען", די פּעגי גראַנוויל, איז שוין עטלעכע יאָר אַוועק פון געשעפט, און געבליבן איז זי אַן אַנטוישטע וואָס אויך נאָך דער פּענסיאָנירונג, און נאָך איר וווּנדערלעך־צוגעקלערטער מתנה, האָט ער זיך מיט איר קיינמאָל ניט געשטעלט אין פאַרבינדונג. נאָך ביים ריידן איז איר איינגעפאַלן, אַז אַזעלכע פּערזענלעכע רייד וואָלט זי זיך ניט דערוועגט ברענגען פאַר די ליפּן ווען ער האָט נאָך געאַרבעט אין געשעפט.

גרעוויל האָט מיט אַ הויכן קול, אַ ביסל אַ כעסדיקן, גאָרניט גרעווילס, אַ שאָס געטאָן:

– מתנה? וואָסער מתנה? דער זייגער איז דאָך געווען פון אַלעמען!

– וואָס פאַראַ זייגער? דער פויגל! זי האָט געקויפט פאַר אייך אַ קעסטלעכן פויגל, אימפּאָרטירט פון סירי לאַנקאַ, דאַכט זיך. עס צוגעטראָגן צו אייך אין שטוב מיט אַ טעקסי, זי זאָל אָנקומען איידער איר קומט אָן מיט אייער אונטערגרונט באַן. זי האָט דעם פויגל אַרויסגענומען פון שטייגל און אַריינגעלאָזן צו אייך אין שטוב דורכן בריווקעסטל. דאָס שטייגל האָט זי געלאָזן האַרט פאַר דער טיר אינאיינעם מיטן צעטל ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן אַלדאָס גוטס און אויך איר נומער פון טעלעפאָן. געוואַרט

איר זאָלט זיך צו איר דערקלינגען און זיך ניט דערוואַרט. איי איי איי!

– פֿאַר דער טיר איז ניט געווען קיין שטייגל! קיין צעטל אַוודאי ניט!

– וואָס זאָגט איר? מסתּמא האָט מען עס צוגעלקחנט. לאַנדראָן איז דאָך גאַרניט וואָס געווען! גרעוויל, ביי אייך איז נאָך דאָ דער פֿויגל? ווי לאַנג לעבט אַ פֿויגל?

– איך האָב אים געפֿונען אַ טויטן, אויף דער פֿאַדלאָגע, אין קאָרידאָר! איך בין די אַלע יאָרן געווען זיכער, אַז עמעצער האָט מיר גאָר אַריינגעוואָרפֿן אַ טויטן פֿויגל אין שטוב אַריין. אין טאָג פֿון מיין פּענסיאָנירונג!

– ווייַ! ניין! ס'קען ניט זיין! אָך! און פּעגי האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין אַלמאַי איר שטעלט זיך ניט אין פֿאַרבינדונג, כאָטש זאָגן אַ דאַנק, אַפֿילו ווען אייך אינטערעסירט ניט טרעפֿן זיך מיט איר.

– איך בין אַוועק צו דער פּאָליציי! געמיינט אַז מ'גייט מיר סטראַשען, ווי מיט אַ טויטן ראַץ אין די פֿילמען.

אַלע האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט. אַחוץ גרעוויל באָנד.

גרעווילן איז אויפֿגעלאָפֿן אַ הייטל מיט שווייס.

אַז מ'האָט באַמערקט אַז די מעשה טוט אים אָן אַ צער, האָט מען ראַפּטעם איבערגעביטן די טעמע, גענומען פֿלוידערן אין געשעפֿט־זאַכן.

ביים געזעגענען זיך, אַז גרעוויל האָט געהאַלטן ביים אומקערן זיך צו זיין פּענסיאָנערישן תּהו־בהו, האָט ער שטילינקערהייט געבעטן ביי ניאַן פּעגי גראַנווילס טעלעפֿאָן.

יענעם פֿאַרנאַכט, נאָכן רעפּעטירן פֿאַר־זיך צענדליקער מאָל דאָס וואָס ער וועט איר גיין זאָגן, האָט ער אָנגעקוועטשט די טעלעפֿאָן־קנעפּלעך. ווען פּעגי האָט אַ הייב געטאָן דאָס טרייבל, האָט זיך גרעוויל פֿאַרט זאַהיקעט, געפּלאָנטערט מיט די ווערטער.

– גרעוויל! מיין פֿויגל לעבט נאָך?

– אַז איך האָב אים געפֿונען אַ טויטן! געמיינט אַז דאָס'ט מיר עפּעס אַ שונא אַריינגעוואָרפֿן אַ טויטע מיאוסקייט, פּונקט ווי מ'שיקט צו אין די פֿילמען אַ טויטן ראַץ.

– אוי! ס'קען ניט זיין! ניין!

– איך בין אַוועק אין פּאָליציי.

דערהערט "פּאָליציי" האָט פּעגי אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

– אַ פֿיינער מאַן! איך לאָז אייך איבער אַ שיינע מתּנה, און אָנשטאָט קלינגען און זאָגן אַ דאַנק גייט איר אין דער פּאָליציי! דער שטייג מיטן צעטל איז ניט געווען?

– ניט געווען.

עס איז געווען אַ לאַנגע שטילשוויַיגעניש, ביז וואַנען גרעוויל באָנד האָט אויך אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַזאַ מין געלעכטער ווי צען יאָר פֿאַר דעם. פֿאַרוואָר, פֿינף יאָר נאָך דער ווייבס טויט, און נאָך פֿינף יאָר נאָך דעם טויטן פֿויגל, האָט ער זיך קיין ריכטיקן געלעכטער ניט דערלויבט.

פּעגי האָט אָנגענומען אַ מוט, עלעהיי די פֿאַרשפּילטע יאָרן דאַרף מען זיך איילן גוטמאַכן.

–איצטער מעג מען שוין זיין חבר.

– ווען טרעפֿט מען זיך?

– היינט.

– אדרבא.

חנן קיעל / ניו יאָרק

# די נישט יידישע יידן

## פון ווייטן אַמאָל ביז אונדזערע טעג

אין דער קלאַסיפיצירונג פון די פאַרשידענע שיכטן פון אונדזער פאָלק איז דער טערמין נישט־יידישע יידן ווייניק באַקאַנט. ווי די אומות העולם זענען מיר אויך אַ מאָזאַיק פון אַלערליי אידעאָלאָגישע ריכטונגען, רעליגיעזע דענאָמינאַציעס, סעקולערע חובבי יידיש אָדער העברעיש, אַסימילאַטאָרן א.א. בערדיטשעווסקי רעכנט אַריין אין פאָלקס־געמיש אַפילו משומדים. במילא קען מען נישט אַרויסלאָזן פון חשבון די קאָנטראָווערסאַלע גרופּע - "די נישט יידישע יידן", דאָס איז דער נאָמען פון יצחק דויטשערס בוך עסייען וואָס זיין פרוי האָט פאַרעפנטלעכט צום מחברס ערשטער יאָרצייט אין 1968.

מיר זענען אפשר פון די געציילטע, וואָס דערמאָנען יענע פאַסצינירנדיקע שריפטן, ליטעראַרישע און פּאָליטישע אַנאַליזן פון דעם כמעט פאַרגעסענעם שרייבער, וועלכער האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק מרעיש עולם געווען ספּעציעל אין די אינטעלעקטועלע, אַקאַדעמישע קרייזן. דאָס איז דאָך געווען אַ צייט פון מלחמות, אויפברויזן און דעמאָנסטראַציעס; די זעקס טעג מלחמה און דער ישראל־נצחון, די נייע לינקס באַוועגונג, וכדומה.

אין בוך ווערט געשילדערט די קאַריערע ביאָגראַפיע פון דויטשערן, זיין אַנאַליז וועגן די "זעקס טעג־מלחמה", זיינע נעגאַטיווע השקפות וועגן יידישקייט, יידישע קולטור און יידיש־המשך. אין זיינע שריפטן ווערט אָפּט אַקצענטירט זיין מאַרקסיסטישע השפעה, ווי אויך זיין פּערזענלעכער צוגאַנג ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער אינטעלעקטועלער עליטע, זיין איכישקייט, ווי אַ מענטש, וואָס וויל זיך האַלטן אין דרויסן פון יידישן תחום.

לויט דויטשערס דעפיניציע קלאַסיפיצירן זיך צו דער קאַטעגאָריע פון "נישט יידישע יידן" יחידים פון יידישן פאָלק, קינסטלערס און שרייבערס, וויסנשאַפטלערס און דענקערס וואָס ציען זיך צו דער גרויסער וועלט, מחמת דער יידישער תחום איז פאַר זיי צו ענג. זיין וועג איז פון ייד צום מענטש, דויטשער זעט אין פּערספּעקטיוו די אויפלעזונג פון קליינע פעלקער, וואָס וועלן זיך צונויפגיסן מיט גרויסע נאַציעס און לענדער, אַ מין דוחה זיין דעם קץ, וואָס איז געניייטיק אין אונדזער נוקלעאַרער תקופה. דער מחבר דערמאָנט אַ צאָל נעמען פון יידישן שטאַם, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַראָפּטירן פון דער וועלט, פון אַנדערע נאַציאָנאַלע קולטורן: שפּינאָזאַ, זיגמונט פרויד, היינע, לאַסאַל, טראָצקי, ראָזאַ לוקסעמבורג, סטעפאַן און אַרנאָלד צווייג, פראַנץ ווערפעל וכדומה, און מיר קענען צוגעבן צענדליקער אַנדערע נעמען און גרופּעס (ווי למשל די יידישע נאַראָדניקעס). מיר זענען ווייט פון די אַ דויטשערס השקפות און זיין מאַרקסיסטישע אָדער טראָצקיסטישע אָבסעסיע. אָבער די טיפן עקזעסטירן סיווי. און איינער פון זיי איז טאַקע ער אַליין, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט יידישקייט, יידישע ליטעראַטור און קולטור, די פּוילישע און ספּעציעל די ענגלישע ליטעראַטור און קולטור. דער אַנטלויף פון זיך, פון די אייגענע פאָלקס מענטשן - די אמתע קוואַלן פון פאָלקלאָר און קולטור - איז אַן אַלטע קרענקלעכע טראַדיציע. צו גרייכן די וועלט איז

כלל נישט נייטיק אַן אַנטלויף פון זיך. טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו האָבן געשעפּט פון די רוסישע תהומען, געראַנגל און פאַרווירטקייט פון נשמות און זיי האָבן געגרייכט דעם מענטש. די ווערק פון די גרויסע סקאַנדינאַווישע שרייבערס איבסען, אַנדערסען, האַמסון, וואָס זייערע שפּראַכן זענען נישט קיין וועלט־שפּראַכן, פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער וועלט־ליטעראַטור. אונדזערע אייגענע שלום עליכם, אַש, באַשעוויס זינגער זענען וועלט־באַרימט מחמת זייער יידישן אוניווערסאַליזם, קאָליריקער אַנדערשקייט וואָס איז קינסטלעריש נאָענט דעם מענטש. דער אויסנעמלעכער פּרעזענטאַנט פון נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלער קונסט איז מאַרק שאַגאַל, וואָס דויטשער פּרובירט אים אַריינצונעמען אין זיין קולטור־וועלט אין דער חברותא וואָס גייט אַריבער דעם יידישן גדר.

דער נישט יידישער ייד איז אַן אַלטע געשיכטע וואָס איז שטענדיק ניי. אין תוספתא ווערט געבראַכט די מיסטעריע פון די פיר תנאים וואָס זענען אַריין אין פּרדס: בן עזאי, בן זומא, אלישע בן אבויה און רבי עקיבא. די ראשי תבות פון פּרדס – פּרוש, רמז, דרוש און סוד האָבן אַ שייכות מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע. איינער פון די פיר תנאים, אלישע בן אבויה, וואָס האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט חכמה און וויסן וועגן גאָט, מענטש און נאַטור איז געוואָרן אַן אפיקורס, אַן אָנהענגער פון עפּיקור; אַן אַגנאָסטיקער, וואָס האָט ליב געהאַט גריכישע פּאָעזיע און נגינה. זמר יווני לא פסק מפומיה (תוספתא – חגיגה) אלישע בן אבויה וואָס איז נישט אַוועק פון יידישן פאָלק און ווערט אפילו דערמאָנט אין פּרקי־אבות צווישן די תנאים, איז אין תלמוד באַקאַנט מיטן צונאָמען אחר – דער אַנדערער, אויך אַ מין נישט־יידישער ייד. זיין געוועזענער תלמיד רב מאיר, וואָס איז געווען פון די האַרבע תנאים אין זיין צייט. האָט געגאַרט צו לערנען חכמה און וויסן פון זיין רבין, ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן דאָס נעגאַטיווע פון דער גריכישער לערע. ס׳ווערט דערציילט: ס׳איז געווען שבת. ר׳ מאיר באַגעגנט אין גאַס זיין רבין אלישע בן אבויה רייטנדיק אויף אַ פערד. ציען זיי ביידע באַנאַנד און דיסקוטירן וועגן תורה און וועלטלעך וויסן ביז זיי דערנענטערן זיך צו דער גרענעץ פון תחום שבת. אלישע דערמאָנט מאירן ער זאָל זיך צוריקקערן ווייל כפי דעם דין טאָר ער נישט אַריבערגיין דעם תחום. בעט אים ר׳ מאיר – קער זיך אויך צוריק – צו יידישקייט. ניין, ענטפערט אלישע, אויף מיר איז נגזר געוואָר אַריבער צו גיין דעם תחום פון יידישקייט... לויט דויטשערס קאָנצעפּציע – צו אוניווערסאַליזם.

פּאַר יצחק דויטשער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ גערער חסידיש הויז, איז אלישע בן אביה געבליבן אַ סימבאָל פון אַ דענקער און אַ בונטאַר.

*

ווי אַ חסידיש בחורל פון דרייצן יאָר, מיט פּאות, ווייסע זאָקן און אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן גערער חסיד פון כזשאַנעוו, האָט ער צו זיין בר מצוה, נאָך אַ צוויי־שעהיקער דרשה אין הלכה געקריגן סמיכה פון די רבנים־געסט ביי דער שמחה. איין יאָר שפּעטער איז ער שוין געווען אַן איבערצייגטער אפיקורס מיט אַ שטאַרקן באַגער צו לערנען אין אַ גימנאַזיע און גרייכן מאַטורע. דעם טאַטן איז דאָס נישט געווען צום האַרצן. "צו מאַכן מאַטורע דאַרפסטו נישט פאַרתכלעווען אַזויפיל צייט". און ער האָט געלערנט פּריוואַט און געוואָרן אַן עקסטערניסט. דער פאָטער, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ מייחוסדיקער אשכנזי־משפחה, נירנבערגער דרוקערס, האָט מיטן זון דיסקוטירט וועגן פילאָסאָפיע און ליטעראַטור, מיט גרויס באַהאַוונטקייט וועגן קאַנט

און העגעל און מיט פאַרערונג פאַר דער דייטשישער ליטעראַטור און קולטור, פאַר געטע, שילער, היינע, וכדומה. מיט דער פוילישער שפּראַך און קולטור קענסטו ווייט נישט דערגרייכן. אפשר ביז אוישוויץ... אוישוויץ איז געווען דריי מייל פון כזשאַנעוו. און דער מחבר באַמערקט מיט טרויער וועגן אומקום פון זיין משפּחה אין אוישוויץ.

מלך ראַוויטש דערציילט וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיטן יונגן חסידישן בחורל און שפּעטער אין וואַרשע - אין די צוואַנציקער יאָרן. דרויטשער איז געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גאָר יונג-אַן עקספּערט אין מאַרקסיזם־לעניניזם. ער האָט געשריבן אין פּוילישע אומלעגאַלע און האַלב־לעגאַלע צייט־שריפטן, אויך - אין דער יידישער "ליטעראַרישע טריבונע". פאַר פּרנסה האָט ער געאַרבעט ווי דער (מגיה)קאָרעקטאָר פון דעם פּויליש־ציוניסטישן "נאַש פּזשעגלאָנד". זיינע רעפעראַטן אין יידישן ליטעראַטן־פאַראיין וועגן מאַרקסיזם און ליטעראַטור האָבן צוגעצויגן אַן ענטוזיאַסטישן יונגן עולם. אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן איז ער געווען אויף אַ באַזוך אין סאָוועט רוסלאַנד און צוריק געקומען אַן אַנטוישטער. ווי ער גיט איבער איז ער נישט מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער נאַציזם זענען אַ צווילינג. דרויטשער ווערט אַ פאַרגלויביקטער אין טראָצקין און זיין טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. אַפּריל - 1939 קומט דרויטשער אָן קיין ענגלאַנד ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פאַרן "נאַש פּזשעגלאָנד", מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער זיך געראַנגלט פאַר פּרנסה, פּרובירט מזל אין יידישן בלאַט און אָנגעהויבן שרייבן אין ענגלישע צייטשריפטן. אין אָקספאָרד איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר און עקספּערט פון מאַרקסיזם־לעניניזם און סאָוועטישע ענינים.

זיין נייע אַרבעט האָט אים דערמעגלעכט צו דערגרייכן פּערפּעקציע אין דער ענגלישער שפּראַך און אַרויסגעבן אַ צאָל ביכער וואָס דריקן אויס זיינע השקפות. פון די וויכטיקסטע ווערק וואָס זענען אַרויס אין עטלעכע אויפלאַגעס זענען וועגן סטאַלין - אַ פּאָליטישע ביאָגראַפיע, און דריי ביכער וועגן טראָצקין: 1. דער נביא באַוואָפנט. 2. דער נביא־אַנטוואָפנט. 3. דער נביא־פאַרטריבן. דאָס לעצטע בוך - דער נישט יידישער ייד איז געוואָרן אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט - 1968 פון זיין פרוי - טאַמאַראַ.

אין 1958 האָט דרויטשער אויף אַ סימפּאָזיום אין לאָנדאָן, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע - "דער נישט יידשער ייד אין דער מאָדערנער מחשבה", וועגן יידישע יחידים וואָס אויף דער גרענעץ פון ייד און מענטש זענען זיין אַוועק פון ייד צום מענטש. וועגן זיך אַליין האָט ער אָפּט געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ תנוק שנשבה בין הגויים. דאָך האָט ער זיך פון צייט צו צייט אומגעקערט צו יידישע טעמעס: ווער איז אַן יידז די רוסישע רעוואָלוציע און די יידנפראַגע; די ישראל־אַראַבישע מלחמה - יוני 1967; וועגן גורל פון יידיש; וועגן חורבן, וועגן שאַגאַל און די יידישע פאַנטאַזיע א.א.

ווי אַ קאָסמאָפּאָליט איז ער געווען קעגן נאַציאָנאַליזם, קעגן ציוניסטישן געדאַנק פון אַ מדינה, גראָד אין אונדזער צייט ווען די וועלט גייט אין דער ריכטונג פון אויפלייזונג פון נאַציעס און גרעניצן. זינט דרויטשערס טויט ביז היינט האָבן זיך גאָר געמערט די צאָל אומאָפּהענגיקע קליינע פעלקער. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אויפגעלייזט און געוואָרן צעשפּליטערט אויף נייע אומאָפּהענגיקע לענדער. די וויזיע פון דרויטשער, הענגט אין דער לופט...

וועגן די זעקס טעג מלחמה האָט ער אויסגעדריקט אַ מורא פאַר אַנטי־יידישע,

אַראַבישע באַוועגונגען וואָס וועלן פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון סאָציאַליזם פֿון נאַראָנים (לויט אויגוסט בעבעלס דעפֿיניציע וועגן שנאת ישראל). זיין צוגאַנג וועגן די ישראל־אַראַבישע אַנטאַגאָניזמען קען מען נישט איגנאָרירן, הגם זיינע אידעען וועגן נישט יידישקייט זענען פֿאַלש און שעדלעך פֿאַר אונדזער פֿאָלקס קיום און זענען היסטאָריש נישט באַרעכטיקט. ווי אַ פֿאַרגלויביקטער אין מאַרקסעס יידן־פֿיינטלעכן טעאָרעטישן אַנאַליז און אויספּיר, אַז דער יידישער גאָט איז ממון – געלט; אַז די סיבה פֿון די בלוטיקע קרייצצוגן, אינקוויזיציעס, גזרות און פּאָגראָמען זענען געווען דער אַנטאַגאָניזם פֿון מיטלאַלטערלעכן אַגראַר־סיסטעם און יידישע פּרנסות פֿון פּראָצענטניקעס. (פֿאַרוואָס האָט מאַרקס אויסגעמיטן דאָס אַרויפֿצווינגען פֿון דער קירך אויף יידן די וווכער־פּרנסות?) דויטשערן איז דאָך גוט באַקאַנט געווען די עקזיסטענץ פֿון יידישער אָרעמקייט, בעל־מלאכות, האָרעפּאַשניקעס. מאַרקס האַלט אויך די גוישע באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן ווי דינער פֿון יידישן גאָט ממון און אַז די וועלט דאַרף זיך באַפֿרייען פֿון יודאַיזם וואָס איז אידענטיש מיט קאַפּיטאַליזם. דער עסיי פֿון מאַרקס "צור יודנפֿראַגע" איז געוואָרן אַ הלכה למעשה פֿאַר קאַוטסקי, לענין, טראָצקי, ראָזאַ לוקסמבורג, סטאַלין און אויך יצחק דויטשער, וואָס האָט געפֿונען די סיבה פֿון אייביקן יידנהאַס...

*

יצחק דויטשער האָט אין זיינע יונגע יאָרן ליב געהאַט פּוילן, די פּוילישע שפּראַך און ליטעראַטור. צו זעכצן יאָר האָט ער געשריבן פּאָעזיע אין פּויליש אויף טעמעס פֿון יידישער געשיכטע און פֿאָלקלאָר. צו אַכצן יאָר פֿאַרלאָזט ער פּאָעזיע און שרייבט ליטעראַטור־קריטיק. מיט זיינע אינטימע פֿריינד האָט ער נאָר גערעדט פּויליש, אפֿילו מיט מלך ראַוויטשן ווען ער איז געווען אויף אַ לעקציע־טור אין די קאַנאַדער אוניווערסיטעטן אָדער אין לאָנדאָן. די לאָנדאָנער "פֿאָלין" שריפֿט דערמאָנט וועגן די היסטאָרישע וואָרצלען פֿון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן און די פּאָלאָניזירטע יידן און שרייבערס, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו זייער באַליבטער פּוילישער שפּראַך, די איינציקע ליבשאַפֿט וואָס די פּוילישע ירושה האָט זיי איבערגעלאָזט. דויטשער איז געווען איינער פֿון זיי, הגם ער איז אין זיין אינטעלעקטועלן געמיט געווען אַ קאָסמאָפּאָליט.

אין שייכות מיט דער ראָל פֿון אַ גרויסער צאָל פּאָליאַקן אין צייט פֿון חורבן שרייבט דויטשער, אַז די פּוילישע "סקאַווענדזשערס" וואָס האָבן איבערגענומען יידישע הייזער, יידיש האָב און גוטס, די רעשטלעך פֿון רויב וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט, זענען אומרואיק, אומבאַקוועם און שרעקן זיך פֿאַר די צוריקגעקומענע פּליטים פֿון רוסלאַנד און פֿון די דייטשישע טויט־לאַגערן. דער אַמאָליקער פּוילישער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט האָט אין פּוילן אָן יידן געקריגן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ העכערער קלאַס, אַ לומפּן־מיטלקלאַס אָדער אַ לומפּן קליין־בורזשואַזיע. אויך אין זיין יידישער טראַגעדיע זוכט ער אַ מאַרקסיסטיש־דיאַלעקטישע אויסטייטשונג.

אין עסיי "ווער איז אַ ייד" זאָגט דער מחבר וועגן זיך: איך בין אַן אַטעיסט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, איך בין אָבער אויך אַ ייד; אין מיין סאָלידאַרישקייט מיט די פֿאַרפֿאָלגטע און אומגעבראַכטע. די יידישע טראַגעדיע איז מיינע. איך פֿיל דעם פּולס פֿון דער יידישער געשיכטע און וועל קעמפֿן פֿאַר יידישער זיכערקייט און קעגן אָבסקוראַנטיזם.

זיין קאַמף איז אָבער נישט פֿאַר יידישן קיום ווי אַ פֿאָלק און אייגענער קולטור, ער איז בפירוש קעגן נאַציאָנאַליזם און יידישער סעפּעראַציע. אַן ענטוזיאַסט פֿאַר פֿרעמדע קולטורן און אָפּלייקענער פֿון אייגענער עקזיסטענץ. דויטשער דיסקוטירט אין זיינע עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט גוט געקענט, אָבער געצווייפֿלט אין איר דויערנדיקייט. וועגן די ספֿקות זיינע האָט ער געהאַט אַ שמועס מיט משה נאַדירן, ווען ער האָט באַטראַכט ווי אַ גרויסן קינסטלער און מושלם אין יידיש לשון. נאַדיר האָט זיך נישט געזאָרגט וועגן אונטערגאַנג פֿון יידיש: "איך גלויב נישט, זאָגט נאַדיר, אַז יידיש וועט געדייען, אָבער מיך אַרט דאָס נישט. יידישע שרייבערס וועט מען לייענען און שטודירן ווי מען לייענט די גריכישע אָדער לאַטיינישע ליטעראַטור. מיר וועלן ווערן קלאַסיקערס ווי האָראַטיוס אָדער אָווידיוס. און דויטשער באַדויערט און גיט צו, אַז צענער טויזנטער וועלן רעדן יידיש אָבער די באַזע איז צו שמאָל פֿאַרן וווקס פֿון אַ לעבעדיקער שפּראַך און קולטור. מיר טרייסלען זיך אָפּ פֿון יצחק דויטשערס פּראָגנאָזן. דער פּאָעט מענקע קאַץ האָט איבערגעלאָזט אַ פּאָעטישע צוואה זיין זון דעם יידישן געלערנטן און שרייבער הירשע דוד קאַץ: זאָלסט נישט ווערן אַ קדיש נאָך יידיש, זיי נישט דער לעצטער!

*

אין זיין בוך "דער נישט יידישער ייד" דערמאָנט דער מחבר אַלערליי באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן ווי טראָצקי, שפּינאָזאַ, פֿרויד, וואָס זענען, ווי ער אַליין, געווען יידישע אָפּטריניקעס פֿון אייגענעם פֿאָלקס גורל, פֿאַרפֿלאָנטערט אין דער דילעמע ייד אָדער מענטש; אַנטלויפֿער פֿון זיך ווייל זייער יידישע וועלט איז צו ענג, הגם די אחרית הימים אידעען קענען זיך נישט פֿאַרהיינטיקן. יצחק דויטשערס נביא, לעוו טראָצקי, איז אַליין געווען אַ טראַגישע פֿיגור, וואָס ווערט פֿאַרגליכן צו דאַנטאָן פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער איז געבליבן אומפּשרותדיק איבערצייגט אין דער קאָנצעפּציע פֿון אַ פּערמאַנענטער וועלט־רעוואָלוציע. ווי אַלע פֿאַרגלויביקטע יידישע רעוואָלוציאָנערן, פּאָליטיקערס, קינסטלערס, דיכטערס וואָס האָבן פֿאַרגאָסן בלוט פֿאַר פֿרעמדע פֿיינטלעכע אָפּגעטער, האָט ער זיך דערווייטערט פֿון אייגענעם פֿאָלק. ער האָט אָבער רעאַגירט אויף דער נאַצישער סכנה. אויף אַ בריוו מיט אָנפֿראַגעס פֿון זיינע יידישע אָנהענגערס וועגן זיין אַסימילירטקייט און וועגן זיין צוגאַנג צו דער עמיגראַציע קיין ישראל אין יענער צייט, ענטפֿערט ער, אַז ער פֿילט זיך נישט שולדיק אין אַסימילאַציע... און באַציט זיך פּאָזיטיוו צו דער עמיגראַציע, הגם ער איז קעגן ציוניזם. טראָצקי איז געווען דויטשערס סופּער עגאָ. אין זיין ביאָגראַפֿיע דערקענט מען אָפּט דעם שפּיגל פֿון טראָצקין (דאָס שילדערן דעם שמוציקן חדר און חומש־געזאַנג). אפֿילו אין זיין אויסזען האָט ער זיך פֿאַרלאָזט טראָצקיס קמץ־בערטל.

ווי אַ נאָכפֿאָלגער פֿון טראָצקיס אמונה אין דער וועלט־רעוואָלוציע און אין מאַרקסיזם־לעניניזם האָט דויטשער מוסיף געווען זיין איבערצייגונג, אַז די וועלט גייט אין דער ריכטונג פֿון פֿאַראייניקן אַלע נאַציעס אין איין שלמותדיקער מענטשהייט. ער האָט פֿאָרויסגעזען, אַז די קליינע נייע נאַציעס פֿאַרגרעסערן די סכנה פֿון מלחמות. אין דער אַטאָמישער עפּאָכע קען דאָס ברענגען צו אַן עקספּלאָזיע און אומברענג פֿון דער מענטשהייט, איר קולטור און ציוויליזאַציע. דער געדאַנק און די וואָרנונג איז אַקטועל אויך היינט.

*

אַ רעפּרעזענטאַנט פון אַ נישט יידישן ייד איז געווען ברוך שפּינאָזאַ אין 17־טן י.ה. ער האָט איבערגעריסן מיטן יידנטום, פאַרחרמט געוואָרן, אָבער נישט אַראָפּטירט דאָס קריסטלעכקייט. זיין טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט איז אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן תנ"ך מיט אַנטי־יידישע געפילן און מיט פאַרזיכטיקער מילדקייט צום נייעם טעסטאַמענט. פאַראַן אין בוך אַן אויסטייטשונג וועגן שנאת ישראל, מחמת דעם וואָס יידן האָבן פיינט גויים; דאָס איז אַ געפערלעכע דערקלערונג קעגן זיין שטאַם – אין צייט פון אינקוויזיציע, פּאָגראָמען געטאָס און בלוטיקע רדיפות קעגן יידנטום.

זיין ערשט בוך איז געווען "די פּרינציפּן פון דעקאַרטס פילאָסאָפיע" אונטער דעקאַרטס השפּעה האָט שפּינאָזאַ אויף געאָמעטרישע יסודות פון אַקסיאָמען און טעאָרעמען געבויט זיין "עטיק". די עקזיסטענץ פון גאָט – די וועלט־סובסטאַנץ איז אַן אמת וואָס נייטיקט זיך נישט אין באַווייזן. מאַטעריע און גייסט זענען די צוויי גרונט־אַטריבוטן פון דער געטלעכער סובסטאַנץ. גאָט איז אומענדלעך און איז נאַטור וואָס שאַפט נאַטור, נאַטורא נאַטוראַנס. אַ חוץ גאָט איז אַלץ באַווירקט און דעטערמינירט. פרייער ווילן איז אַן אילוזיע. שפּינאָזאַ האַלט, אַז די העכסטע ליבע איז די שכלדיקע ליבע צו גאָט (אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס). נישט עמאָציע, געפיל, ליידנשאַפט, נייערט דער שכל איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין לעבן: "נישט לאַכן, נישט וויינען נאָר פאַרשטיין". נישט געקוקט אויף זיין איזאָלירטקייט און איינזאַמקייט האָט שפּינאָזאַ זיך מיט זיין פאָלק נישט איבערגעבעטן. ער איז געווען פאַרערט פון געטע, הערדער און היינע. די געלערנטע פונעם ניי־געגרינדעטן אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים האָבן אַנולירט דעם חרם איבער דעם דענקער שפּינאָזאַ.

*

וועגן זיגמונג פרויד, דעם ייד און מענטש, זענען פאַראַן אַ היבשע צאָל ביכער און ווידעראַנאַנדיקע מיינונגען, אָבער מיט רעכט פאַררעכנט אים דויטשער אין דער קאַטעגאָריע פון די נישט יידישע יידן. פרויד איז אָבער נישט גלייכגילטיק צו יידישע ליידן, אין זיין פּסיכאָאַנאַליז פּראָבירט ער דערקלערן די סיבות פון יידנהאַס, און לגמרי אַנדערש פון מאַרקס און דויטשער. ער האַלט, אַז שנאת ישראל איז גויישער זעלבסטהאַס. וואָס לעבט אין אייגענעם אונטעבאַוווסטזיין, מחמת דעם אַרויפצוואַנג פון דער קריסטלעכער רעליגיע אויף די פּאַגאַנישע פעלקער, וואָס באַגרענעצט זייער פרייהייט. די געבאָטן און רעסטריקציעס שטאַמען דאָך פון תורת משה, זענען די יידן שולדיק...

פרויד איז געווען אַן אַטעיסט. הגם ער האָט נישט אָפּגעלייקנט זיין יידישקייט איז דאָס נישט געווען צוליב רעליגיע, נאַציאָנאַלן שטאָלץ אָדער קולטור, נאָר צוליב זיין רעכט צו זיין וואָס ער איז. ער איז אָבער געווען אינטערעסירט, אַז זיין טעאָריע זאָל נישט בלייבן אין יידישן תחום. אין פרוידס השקפות וועגן דער אילוזיע פון אַ צוקונפט, וועגן דער ציוויליזאַציע וואָס איז אין קאָנפליקט מיט דער מענטשלעכער נשמה, וואָס דרימלט אין דעם שטייג פון אונטעבאַוווסטזיין, מערקן זיך אומהיימלעכע טענער, און דאָך איז ער נישט אין גאַנצן פּעסימיסטיש. ווי שפּינאָזאַ גלייבט ער אַז דער שכל איז אַ מתנה וואָס לערנט דעם מענטש צו עקזיסטירן מיט זיין שכן לויט היללס פאָרמל: טו נישט יענעם וואָס דיר איז נישט ליב – ביז דער מדרגה פון אהבת הבריות.

איידער מיר קומען צום סוף פון אונדזער מאמר און מסקנות, ווילן מיר דערמאָנען צוויי ביז גאָר באַקאַנטע און באַליבטע יידישע שרייבערס וואָס האָבן אין זייערע יונגע

יאָרן זיך פאַרבונדן מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ווי געטרייע נאַראָדניקעס, פון דער קאַטעגאָריע נישט־יידישע יידן, וואָס זענען נאָך יאָרן בלאָנדזשענישן און אַנטוישונגען צוריקגעקומען צו זיך. מיר האָבן אין זינען ש. אַנסקי און חיים זשיטלאָווסקי.

ווי אַ נאַראָדניק איז אַנ־סקי געווען אַ רוסישער שרייבער נאָוועליסט און פאָלקלאָריסט, דערמוטיקט פון גלעב אוספּיענסקי. ווען ער איז אַן אַנטוישטער צוריקגעקומען צו אונדזערע נאַציאָנאַלע קוואַלן פון יידיש־עטישע השקפות, רייכקייט פון קולטור און פאָלקלאָר האָט ער באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור און געשאַפן דאָס קלאַסישע ווערק "דער דיבוק".

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, דער דענקער עסייאיסט און היסטאָריאָזאָף דערציילט וועגן דעם ליבעראַלן רוסישן שרייבער סאַלטיקאָוו שטשעדרין, וואָס האָט מכלומרשט פאַרטיידיקט יידן, מחמת דער הונגעריקער וואָלף איז נעבעך נישט שולדיק וואָס ער פאַרציקט די שעפּעלעך. יידן זענען די וועלף און די פּאָגראָמטשיקעס זענען ביי שטשעדרינען רוסישע שעפּעלעך. אַ דאַנק שטשעדרין איז ד"ר חיים זשיטלאָווסקי צוריקגעקומען צו זיין פאָלק; געשריבן צענדליקער ווערק, וואָס זענען אַ קוואַל פון לערנען די וועלט־פילאָסאָפיע, וועגן שרייבערס דענקערס, סאָציאַלע טעאָרעטיקער און השקפות פון ייד און מענטש.

חיים נחמן ביאַליק האָט אין זיינע פּאָעמעס באַדויערט די רעוואָלוציאָנערע נישט־יידישע יידן, וואָס זענען זיך מקריב פאַר פרעמדע געטער און קולטורן. "געוויס איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט, וואָס איר זייט פאַלש אייער אייגן האַרץ. איר פאַרזייט אויף יעדן פעלד אייערע הייליקע טרערן, און ווען ס'בלוטיקט אייער לייב אין שונאס ציין דערלאַנגט איר אים אויך די נשמה... איר בויט פּאַלאַצן פאַר די וואָס האַסן אייך און מויערט איין אייערע אייגענע קינדער פאַר ציגל. און אַז איר וועט קומען צום טיש פון די אויסגעלייזטע פעלקער וואָס וועלן שליסן אַ בונד פון שלום, וועט איר קלייבן אונטער זיי די פינגער אָפּגעהאַקטע פון אייערע הענט און פיס".

מיר זענען די עדות פון ביאַליקס צער און צאָרנדיקער נבואה וועגן דער אייביק־טראַגישער איבערחזרונג פון אונדזערע "נישט־יידישע יידן" פון ווייטן אַ מאָל ביז אונדזערע טעג.

---

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

משה שקליאַר

# דריי לידער צו צוויי אייניקלעך

## אַלע ענטפּערס זענען אויסגערונען

און דאָ מיר וועלן בלייבן שטיין
מיין קינד.
ס'טוט צו פיל ווי דיין שאלה.
וואָרט אַ ווײַלע,
וואָרט אַ ווײַלע,
אַלע ענטפּערס זענען אויסגערונען
ווי דאָס וואַסער אין אַ ברונעם
און זיין טויבן עכאָ

טראָגט אַוועק דער ווינט.
אפשר וועט דער שטראָם
דער אונטערהאַרציקער
זיך אומקערן צוריק
און דעם לעצטן ענטפער,
קינד מיינס,
געפינען וועסטו
אין מיין בליק...

## בלויז פּאָעטן

דאָס הויז פון ווייסן פּאַפּיר,
וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט
פאַר מיר
מיט דיינע דינע פינגער,
וואַקלט זיך
ווי דיין קליינע וועלט
און וועט באַלד

צעפאַלן זיך, צעשפּאַלטן.
איך צווייפל צי אַפילו שמשון
וואָלט געקאָנט עס אונטערהאַלטן.

אפשר בלויז פּאָעטן
וואָלטן נאָך געקאָנט
עס רעטן - - -

## ווי לאַנג

ווי לאַנג די פיס נאָך האָבן שכל
לאָמיר גיין אַ טאַנץ,
לאָמיר אויסטוישן אַ שמייכל
און דעם אויגנגלאַנץ.

ביז דער טאָג וועט נעמען העלן
ווי אייער אויגנבלוי,
און נישט אָנען ווי זיי וועלן
זיך אָנפילן מיט טוי,

ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וועלן טראָגן,
מיינע שווערע פיס,
כל־זמן עס שלעפּט זיי נישט קיין וואָגן
לאָמיר טאַנצן ביז...

ווען איך וועל, ווי טאָג, פאַרשווינדן
און פוסט וועט זיין מיין אָרט.
זאָל דעמאָלט, קינדער, אונדז פאַרבינדן
דאָס נישט דערזאָגטע וואָרט.

שירה גאָרשמאַן / אשקלון

## מיניאַטורן

### לנדוברג יצחק (שדה)

ביז ער איז געוואָרן אַן אלוף, און איז געוואָרן יצחק שדה, האָט מען געדאַרפט געדולד. יצחק איז געווען גוט געוואַקסן, שיין געבויט, מיט אַן אייביקן שמייכל אויפן פּנים און מיט שטענדיק אָפענע אויגן אויף מיידלעך... דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין אַ גרודניק פון אַ גאַנץ יאָר... אברהמעלע פרידמאַן האָט גוט געדענקט חיים נחמן ביאַליקס לידער פון אויסנווייניק, האָט פאַרשטאַנען וואָס ער זעט, און ווען ער פלעגט פאָרן מיט די פּרדות, פלעגט ער ערגעץ אַריינכאַפּן אַ קאַפּעלע און אַ מעשה. ניט איין מאָל האָט ער געזאָגט צו יצחק לאַנדובערג: דו גלאָצסט די אויגן אויף אונזערע מיידלעך און אַליין האָסטו אַריינגעכאַפּט אַזאַ וואַזשנע מציאה? אַנטלויף! ...ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און ער איז אַנטלאָפן...

ער האָט דעם גרוד נישט פאַרשעמט נאָך דאַן ווען קיינער האָט נישט געחלומט, אַז ער וועט אַ מאָל זיין יצחק שדה; און דאָס איז נישט געווען פאַרשטענדלעך, ווייל ניט קיין אַנדערער ווי ער, יצחק לאַנדובערג, האָט אויף יעדער גרוד פאַרזאַמלונג געהאַט תמיד איין טענה: די אַראַבער זיינען טאַקע פון ערגעץ ווו ניט געקומען, זיי זענען געזעסן אויף אַן אָרט און "געדאַסט" אונטער זיך... נישט קשה, מיר וועלן זיי אַרומוואַשן, און מיר וועלן זיי אויסמענטשלען"... אַזוי געזאָגט, האָט ער זיך אַריינגעדרייט אין קאַראַהאָר און מיט געזאַנג זיך באַהאַפטן צו דעם הורה טאַנץ מיט חסידישע התלהבות. און גיי און זיי אַ חכם, אַז ער וועט ווערן יצחק שדה, דער פּלמ"ח אלוף...

## נעכע די בייגלבעקערקע

האָב ניט מורא, קרוב... האָט נעכע די בייגלבעקערקע געזאָגט צום ליטווינער בודרעסן, וועלכער איז געקומען זי באַגלייטן מיט אַן אויטאָמאַט. איך האָב דיר געזאָגט. האָב ניט מורא. ס'איז ניט קיין אייזקעלער. ס'איז אַ פלאַך גריבל אונטער דער פּאָדלאָגע. באַלד וועל איך דיר אַריינוואַרפן אַן אָנגעצינדענע שוועבעלע, וועסטו זען, אַז אויפן טיש איז אַלץ אָנגעגרייט פאַר דיר, - דאָס אַלץ האָט זי אים געזאָגט. זי האָט נאָר געשוויגן, אַז זי האָט אויסגעגאָסן גאַזע אויף די ווענטלעך פון דער גרוב. דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט שוין אַלץ געמאַכט. נעכע איז אַרויסגעגאַנגען פון שטיבל. האָט דערזען פלאַמען פון יענער זייט פענצטער און אויסדריקלעך געזאָגט:

- ברוך הוא, ברוך שמו, אמן.

מיט אַ גרינג געמיט איז זי אַוועק מיט אַלעמען צו די אָפענע גריבער.

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# ווי אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, זיידע?
## (דערציילונג)

1945. פון טורקמעניע איז זי געפלויגן צו אים. דער חלום האָט באַקומען פליגלען. זי האָט זיך געוווּנדערט: צי וועט ער אויך באַקומען אַ באָרן אונטער די פיס? אין יענע געגנטן איז דער זומער געווען אַ לאַנגער, טרוקענער און פערמאַנענטער. דער הימל - אַ קלאָר בלויער, איז געלעגן פאַרטשעפּעט ביי די עקן צום האָריזאָנט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַרעמער לופט. עס איז געווען מאָרגנע - אָבער דאָך - ער האָט זיך געהאַלטן.

דער עראָפּלאַן איז געווען אַ מיליטערישער. אפשר זענען פּאַראַשוטיסטן פון אים געשפּרונגען. אַן אַמעריקאַנער דאַגלאַס. געזעסן איז מען אויף בענק אַרום די ווענט. אין מיטן איז געלעגן דאָס געפּעק. דאָס רוישן פון די פּראָפּעלערס איז געווען דער סימן, אַז דער עראָפּלאַן באַוועגט זיך. וואָרעם געדוכט האָט זיך, ער שטייט אויף איין אָרט. צוליבן גערויש האָט מען געקאָנט רעדן בלויז צו זיך אַליין, און דאָס אויך ניט תמיד.

די זון האָט אַריינגעשיינט דורך די קליינע פאַרשטויבטע פענצטערלעך און רעגנבויגן־קאָלירטע רינגע זיילן שטויב זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן. אונטן איז געלעגן דער מדבר. ביים ראַנד פון האָריזאָנט האָט זיך געזילבערט די אָזיערע, וועלכע מענטשן האָבן פאַרגליכן צו אַ ים. דער זילבער האָט געבלענדט. זאַלץ אויף די אויסגעטריקנטע ברעגן.

זי איז געפלויגן צו אים. זי האָט אים כמעט ווי ניט געקענט. זיי זענען עטלעכע מאָל אַרויס שפּאַצירן אָט צופעליק, שמועסן. איינער איז פאַרן צווייטן געווען אַ שטיק עקזאָטיק, ניי.

די עקזאָטיק האָט זיך איבערגעגאָסן אין בריוו, ערנסט־שפּאַסיקע מיט אָנדייטונגען, מיט פאַרשטעלטע ווונטשן - ווען עס וואָלט... אַלץ אָן פאַרפליכטונגען. אין די בריוו זענען זיי געווען דרייסטער ווי אין די אָוונטיקע שפּאַצירן דורכן בולוואַר אויפן ברעג טייך. זי האָט אים כמעט ניט געקענט, אין זין פון מאַכן אויספירן אויף אַ ווייטער מעטע. די אייביקייט.

נאָך אַלעמען זענען זיי ביידע אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר זיבעצן. אויפן נייַנצעטן יאָר זענען זיי אַ נאַכט געשלאָפן צוזאַמען. זינט דעמאָלט טראָגט זי אין זיך אַן אומעטיקן שולד־געפיל. אפשר וועט זי אים שוין מער קיין מאָל ניט זען. זי איז זיך אַפילו מודה, אַז זיין נערוועזער ציטער האָט אויך איר אָנגעשטעקט. די צערטלעכקייטן האָבן זי אויף אַ רגע באַרוישט. זי האָט אים אָפּגעהאַלטן גראָד דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן, נאָכגיין די אימפּולסן אָן צו אָפּגעבן זיך אַ חשבון וועגן דעם דערנאָך.

ער האָט זי געוואָלט אין גאַנצן פאַר זיך. ווי אַ שטורעם ברעכט אויס - מיט אַמאָל.

די אַלע יאָרן וואָס זי האָט אים ניט געזען איז דער שולד־געפיל איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, וועלכן בלויז זי אַליין האָט באַמערקט. דער שאָטן איז געווען די צוים ניט צוצולאָזן די אַלע אָנבאָטן, וואָס זי האָט באַקומען. אַ פּאָר נעמען רופן אַרויס אָנגענעמע דערינערונגען. זי שמייכלט צו די זוניקע שטויביקע פּאַסן, וועלכע הענגען אינעווייניק, אין עראָפּלאַן.

איינער האָט זי אַפּילו אַריינגעצויגן אין נעץ פון זיינע ראָמאַנטישע איבערלעבונגען. ער האָט אויפגעוועקט אין איר אַ ניי געפיל, וואָס איז געווען אַ צונויפמיש פון סימפּאַטיע, פּראָטעסט און לאָקונג צו עפּעס אומבאַקאַנטס. כאָטש אידעאַלן האָבן זיך געוואַלגערט אויסגעווייקטע אין בלוט איבער די שלאַכט-פעלדער פון אייראָפּע און אַזיע – איז אין איר ווען נאָך אַלץ געווען אַן אָרט פאַר פּאָליטישער ראָמאַנטיק.

ער האָט מיט געדולד פּרובירט אירע סימפּאַטיעס פאַרבינדן מיט זיין פּערזאָן. אַ ווייטער אומרו האָט ערגעץ ווו געקלאַפּט פאַר אים. עס איז פאַר איר געווען ניי. דערפאַר האָט זי פאַר דעם געפיל קיין נאָמען ניט געהאַט, און דעריבער ניט געוווּסט צי דאָס איז איר צו עפּעס מחויב. עקזאַמינירן זיך אַליין איז ניט געווען לייכט. איז עס געווען דער מאַן – ווי אַ מאַן, אָדער דער מענטש וואָס האָט אין אַ וועלט פון עגאָיסטישער אייגן-נוציקייט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ וויזיאָנער, אַ קרבן פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט, און דערפאַר יאָרן פאַרבראַכט צווישן נאַסע, שטיינערנע ווענט, קראַטן, שלעסער, גרילצנדיקן סקריפּ פון מעטאַלענע טירן.

פרעמד פאַר געפילן פון געטלעכקייט, איז יעדער מאַרטירער געווען פאַר איר אַ הייליקער, וועלכן זי איז גרייט געווען צו פאַרגעטערן.

ער איז געווען ווי יענער – בלאָנד, מיט אַן אידעלן האַלב-שולדיקן שמייכל, וואָס האָט באַטייט, אַז אָט-אָט וועט ער זיך פאַר עפּעס אַנטשולדיקן. אין זיינע אויגן האָט זי געזען אַ טיפע, ניט באַפרידיקטע בענקשאַפט. זיין אַנטוישונג צוליב דער אייליקער חופה. אַצינד איז דאָ אַ פרוי און די ניט באַפרידיקטע בענקשאַפט איז דער ברעג – פון וועלכן ער וויל זיך אָפּרייסן. זי האָט אים פאַרשטאַנען. אויף אַ רגע איז צוגעדריקט צו איר יונג-מיידלשן בוזעם – אויב דאָס וואָלט געווען געגנוג ווי אַ באַלזאַם, אויסצוהיילן. צייטנווייז איז זי געוואָרן געריִרט ביז טרערן. זי האָט געשפּעטשעט ווערטער ווי אַ תּפילה צו זיינע פאַרשניטענע יאָרן אין די נאַסע קעלערן, פאַר דער אידעע...

לאָמיר אַוועק צוזאַמען – האָט ער איבערגעחזרט ביז מיר צו ווערן. זי איז געווען פריי. אַלע זענען דאַן געווען איינזאַם, אין דער פרעמדער שטאָט. פּליטים, אויף אַ פרעמדער ערד. יעדע אַנדער שטאָט וואָלט געווען דאָס אייגענע. קיין וואָרצלען האָבן זיי ניט געהאַט.

זיין שטיל געבעט האָט דורכגעדרונגען אַלע אירע קעמערלעך און זיך דערקליבן צום פונקט, וואָס רעגט אָן און צעשפּרייט נעפּלען, וועלכע פאַרטונקלען דעם געדאַנק, ווי אַן אַנאַסטעטיק, כדי דער שטראָם פון באַשאַף זאָל זיך קאָנען צענויפגיסן מיט זיין באַשאַפער. זיין גלעט איבער אירע זיידענע האָר האָט געבריט ווי פונקען. אַ בענקשאַפט נאָר באַריר – מאַן צו פרוי – איז אויפגעגאַנגען אין זיי. איר אינערלעכער ווידערשטאַנד האָט זיך גענומען קרישלען.

אין אָט דעם אויגנבליק איז אויפגעקומען אין איר יענער שולד-געפיל פאַר דער פרוכטלאָזער נאַכט פון זיין אַנטוישונג. ראַנגלעניִשן מיט זיך אַליין האָבן זי אויסגעשעפּט. זי האָט געקוקט אויף מענטשן און זיי ניט געזען. וואָכן זענען פאַרביי ביז זי האָט געפונען איר גלייכגעוויכט. נאָך די אַלע איבערלעבונגען האָט ער נאָך אַלץ געזען אַ סימפּאַטיש מיידל פול מיט פרויען-דרייץ און רינער צאַרטקייט, וועלכע ס'האָבן פאַרוועבט נערוון פון שטאָל. אַזוי האָט ער איר געזאָגט, און זיין האָפענונג ניט אויפגעגעבן...

איר האַרטנעקיקער כאַראַקטער האָט געהאַט דעם כוח איינצוהאַלטן די צוימען, פון וועלכע איר אויפגעוואַכטע ווייבלעכקייט האָט זיך געפּרוּווט אַרויסברעכן. ער האָט זי באַוווּנדערט און באַדויערט. מער האָט ער ניט געמאַכט קיין אָנשטרענגונג צו איבערצייגן זי אין דער נויטיקייט פון צוזאַמען זיין.

ווען זי איז שוין געווען אין גאַנצן רויִק, האָט זי אים איין מאָל געזאָגט: - נאָכגעבן אַן אינערלעכן אימפּולס פון אַ כאַפּ טאָן דעם טרוים. ווי אַ פויגל טוט אַ כאַפּ אַ וואָרעם און פאַרשווינדט מיט אים, כדי זאַט צו ווערן? - זי האָט אויסגעקליבן דעם טרוים, אָנשטאָט דעם מאַן. צום טרוים האָט זי ניט געדאַרפט קיין שותף.

אַצינד פליט זי צו אים ווי אַ פּריווילעגירטע, וואָס האָט באַקומען אַ פּלאַץ אין אַן אָפּגענוצטן אַמעריקאַנער עראָפּלאַן - ביים סוף פון דער וועלט-שחיטה. נאָך די אַלע יאָרן וואָס זי איז געווען זיכער מיט זיך, האָט זי דערפילט ווי עס פאַרגנבעט זיך אַן אומרויִקער אפשר...

האָט זי באַדויערט, וואָס די פליכט האָט באַזיגט דאָס געפיל? סיי ווי ערגעץ ווו האָט זיך שוין אַ צווייפל פאַרקליבן. אַצינד פליט זי צו אים, אָט דעם בחור וואָס איז תמיד געשטאַנען אין צווישן.

דורכן שמאָלן גראָדעק פון פענצטערל האָט אַ פאַרגייענדיקע זון געגליט אויף די שפּיצן פון בערג, וואָס האָבן מיט זייערע פעלזיקע רוקנס זיך איינגעקאַרבירט אין האָריזאָנט. דער גאָלד־זאַמדיקער מדבר איז גרוי געוואָרן. פון די זילבערנע ברעגן פון דער אָזיערע איז שוין קיין סימן ניט געבליבן. פון דער ווייטנס האָבן זיך געצונדן פייערלעך.

עטלעכע יאָר האָבן זיי געוואַרט אויפן טאָג. אירע פריינד האָבן זי צוגעגרייט צו דעם טאָג, ווי מען גרייט צו אַ מיידל צו איר חופּה־נאַכט. מען פּוצט זי אויס אין ווייסן, מיט בלומען אין די האָר און מיט עצות פון דערפאַרענע. שטיל געגעבן אָנווייזונגען.

אירע פריינד האָבן געוווּסט פון יענער ווינטערדיקער נאַכט פון 1940, ווען ער האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אויף איר שוועל, געבליבן שטיין ניט דרייסט - נאָך דורכמאַרשירן וויאָרסטן דורך נאַכט, שניי און פראָסט. זיך באַוויזן און געבליבן שטיין, ווי די דרייסטקייט זיינע איז ערגעץ ווו אין פעלד פאַרפרוירן געוואָרן.

אַוודאי, זיי האָבן געוווּסט דעם אָנהייב פון יענער נאַכט, אָבער ניט דעם סוף. יאָרן פון צעשיידונג האָבן אפשר פאַרווישט די שפּורן פון דערפאַרונג, און אָפּפרישן זיי האָט געוויס ניט געשאַדט, נאָך דעם ווי זי האָט שוין מיט אירע פריינד יאָרן געוווינט צוזאַמען.

ערשט ווען דער עראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן פליען זיין נאָרמאַלן קורס און דאָס ערשטע באַוווּנדערונגס געפיל פון פליען איז פאַרביי - האָט איר טרוים אויפגעלויכטן אויפן עקראַן פון איר וויזיע און אַ געפיל פון ספיקות איז איר באַפאַלן. זי האָט שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג צו וויסן, אַז טרוימען נעמען ניט אָן די פאָרעם פון מענטשן מיט הענט און פיס און מיט נייגונגען. זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פינף און צוואָנציק. אויף אירע וואַנדער־וועגן האָט זי געטראָפן גענוג מענטשן און געוווּסט, אַז זיי פאַרמאָגן ליידנשאַפטן נאָך מאַטעריעלע גיטער, אָדער נאָך פרויען - אָדער נאָך ביידע צוזאַמען. איינס באַרעכטיקט דאָס צווייטע. מענטשן וואָס זעען בלויז זיך און נוצן דעם צווייטן פאַר זייער אייגענער באַקוועמלעכקייט.

ווי וועט ער זיך באַנעמען? וואָס איז געשען מיט אַ יונגן. אַ ביסל נאַיוון בחור, צו

וועלכן זי פליט אַצינד (און אַ ביסל נאַיוו האָט ער איר תמיד אויסגעזען). וועמען דאָס לעבן האָט דורכגעטרייסלט אויף די שטורמישע וואַסערן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן? אַצינד וועלן אירע פריינד ניט זיין מער אַרום איר און קיינער וועט איר ניט פאַרוואַרפן די פאַרנאַכלעסיקטע יאָרן, ווען זיי האָבן איר אַריינגענומען אין קרייז פון פרויען מיט דערפאַרונגען, ווען וועלכע מען רעדט ניט צו הויך...

אַפילו זיי וואָלט זי ניט געוואָלט אַנטוישן. און אָט וועט זי זיין אַליין - אויג אויף אויג מיטן בחור וואָס בענקט נאָך איר און אין זיין לעבן האָט ער זי אַריינגעפּאַסט אויפן אָרט וואָס עס קומט איר - אָן איר הסכמה. פאַר אים איז עס געווען נאַטירלעך, אַז נאָך דעם ווי די סיבה פון זייער צעשיידונג איז באַזייטיקט געוואָרן, זאָלן זיי זיין צוזאַמען.

דער עראָפּלאַן האָט זיך געוויגט און וויגנדיק איינגעשניטן זיך אין דער טונקלקייט. מיט געפינען דעם מאַן, וועט זי פאַרלירן איר טרוים, האָבן די רוישנדיקע פּראָפּעלערס איר אונטערגעזאָגט.

זי האָט געוואָלטביידע פאַרהאַלטן. וועט זי עס באַווייזן?

* * *

אין וואַרט־זאַל פון עראָדראָם זענען ניט געווען קיין בלומען און ניט קיין טרערן. ווי אין אַ צויבער־מעשהלע האָט דער פאַרליבטער פּרינץ געמוזט באַווייזן זיין ליבע דורך איבערקומען די שטערונגען, געהיט פון פייער־שפּייענדיקע דראַקאָנען, אָדער הונגעריקע חיות. זי האָט נאָך פאַר זיך געהאַט אַ ווייטע און געפערלעכע רייזע וואָס זי האָט געמוזט אַליין אונטערנעמען דורכן "הונגעריקן מדבר", ווו אָנשטאָט שאַקאַלן האָבן געבושעוועט פאַרווילדעוועטע קריגס־איוואַלידן.

גייענדיק מיט אָט דעם וועג האָט זי ניט געצווייפלט: איז עס טאַקע נויטיק אָדער כדאי - צו לאַנג האָט געדויערט זייער צעשיידונג און אומקלאָרקייט. אַ וועלט אַ גאַנצע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זעלנערישע בגדים און, לויטן פאָרויסזען פון יענעם נביא, זיך אַ נעם געטאָן צום אַקער־אייזן. אויפצואַקערן די רויע ערד צו אַ ניי לעבן. זי האָט באַנומען, אַז דאָ מוז עס אַנטשידן ווערן, אַניט וועלן איר די ספיקות מאַטערן אַ גאַנצן לעבן.

דער הונגער נאָך איינאַנדער פון יאָרן צעשיידונג האָט אונטערגעזאָגט, זיי זאָלן [illegible] אַריינפאַלן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס, און טרערן פון געריטקייט זאָלן [illegible] איבער די באַקן. אָנשטאָט דעם, האָבן זיי זיך ווי די קינדער גענומען פאַר די הענט און אַוועק מיטן ראַנד פון טייך שפּאַצירן.

דאָס איז אָבער ניט געווען יענער טייך פון זייער אָנהויב מיט די קולטיווירטע [illegible] זויבערע בולוואַרן און די גרין־געפאַרבטע בענק. דאָ איז די נאַטור געווען אין [illegible] בראשיתדיקן צושטאַנד און אַ ווילדער, ניט געצוימטער טייך האָט מיט שום גע[illegible] די שטיינערנע ברעגן.

אין ענגן, נידעריקן צימערל, ווו אויסער זיי זענען נאָך אַנדערע געשלאָפן, האָט [illegible] באַפרייט פון דעם שולד־געפיל און פון דעם טרוים...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער, שווערער וואַנדער־וועג צוזאַמען, געווינטלעך [illegible] ספיקות און פאַרדראָסן - אָבער אָן חרטה.

עקיבא פישבין / ירושלים

# היינריך היינע - די דראַמע פון מאָדערנעם ייד

מיט 200 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער גייסטיקער ריז היינריך היינע - אַ פּאָעט פון די גרעסטע בעולם התרבות, אַ פּעדער־טאַלאַנט שלאו כל אדם זוכה.

היינע איז געבוירן געוואָרן אין דער דייטשישער שטאָט דיסלדאָרף אין אַ מאָמענט פון גרויס היסטאָרישער באַטייטונג. אין יענעם סוף 18־טן י"ה האָט די אַלטע, פּעאָדאַלע אייראָפּע אַ ציטער געטאָן, ווייל דאָס פאָלק פון פראַנקרייך האָט מיט רוגזה זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס, צעבראָכן דעם אַלטן פעאָדאַלן סדר פון אומיושר און סאָציאַלער דיפערענצירונג, און אויף זיין פּלאַץ אויפגעשטעלט אַ סיסטעם פון פרייהייט פאַר אַלע און בירגערלעכע פרייהייט פאַר יידן בתוכם.

און אַז די הערשער פון אייראָפּע, באַדראָט אין זייערע דור־דורותדיקע פּריווילעגיעס, זענען אַרויס אין קריג קעגן דעם נייעם פראַנקרייך, האָבן די חיילות פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאַרטריבן די אינטערוועגטן, אַריין אויף די טעריטאָריעס פון שונא, און אַוועקגעשטעלט דאָרט די נייע פראַנצויזישע פרייהייטן, און דאָס מיינט עמאַנציפּאַציע אויך פאַר יידן.

ווען היינריך היינע איז געפאַלן אויף דער וועלט, האָבן אין דיסלדאָרף געפלאַטערט די נייע דריי־פאַרביקע פענער פון פראַנקרייך און מבשר געווען, אַז היינע איז געבוירן געוואָרן מיט מזל אַ פרייער ייד און מענטש, מיט אַלע מענטשן צוגלייך!

דער פאַקט געבוירן צו ווערן אונטער די זוניקע שטראַלן פון עמאַנציפּאַציע וועט לייגן אַ חותם אויפן גאַנג פונעם לעבן פון פּאָעט.

"אין וויגל גלייך האָב איך געפונען דעם כיוון פון מיין לעבן". - שרייבט היינע אין זיינע זכרונות. און ווירקלעך - ביז זיין לעצטן אָטעם וועט היינע, דער מאָדערנער ייד, פירן אַ פאַרביסענעם קאַמף, אַז דער ייד זאָל אין דער געזעלשאַפט באַטראַכט ווערן ווי אַ פולבאַרעכטיקטער מענטש, און נישט ווי אַ באַגרענעצטער פרעמדער יחיד.

* * *

אוודאי - פאַר די שטרענגע שומרי חומות ההלכה איז היינע אַן אָפּטריניקער, וואָס האָט זיין יידישן שטאַם צוגעוואָרפן אַ גט און אַוועק צו די גויים. אַז איר וועט אָבער אַ שווים טאָן אין ים פון זיין לעבן וועט איר פאַרשטיין, אַז גערעכט איז משה נאַדיר, וואָס האָט געפסקנט, אַז "היינע האָט זיך געשמדט און... געוואָרן אַ ייד".

אין תוך איז דאָס לעבן פון היינריך היינע - דעם ייד לויטן שולחן ערוך פון ר' משה נאַדיר - אַן עדות, אַז די יידישע ירושה איז געלעגן אין זיינע אַלע רמ"ח אברים. און אויב מען וויל, טוט דאָס לעבן פון היינע פאַרשפּיגלען די דראַמע פון מאָדערנעם ייד, זייט סוף 18־טן י"ה, ווען די געטאָ־מויערן נעמען זיך קרישלען און צעפאַלן, ביז די דראַמע לעזט זיך אויף אין דער לייזונג פון יידישער סוועריניטעט, אין אויפקום פון מדינת ישראל.

לאָמיר כאַפּן אַ בליק אויפן לעבן פון דאָזיקן ייד, וואָס האָט געחלומט פון אַ לייטישן מעמד פאַרן ייד און פאַר יעדן באַליידיקן און דערנידעריקטן מענטש. הכלל -

היינע האָט, פון דער מאַמעס זייט, געשטאַמט פון אַ באַקאַנטער יידישער משפּחה - רייך אין דער מטבעה און רייך אויך אין בילדונג. זיין עלטער־זיידע האָט געהאַט

מחזקות מיט אַ רייטשישן פרינץ און געוואָרן אַן עושר. דער זיידע זיינער – ער האָט
פֿאַרענדיקט אַן אוניווערסיטעט און געוואָרן אַ דאָקטער אין דיסלדאָרף; אויך
פעטער, דער מאַמעס ברודער, איז געווען אַ דאָקטער.

בעטי, היינעס מאַמע, איז געווען אַ קולטורעלע פרוי, דערצויגן אין פאָרגעשריט
גייסט פון דער אייראָפּעישער השכלה. דער פראַנצויזישער פילאָסאָף רוסאָ איז פֿאַר
געווען אַ גאָט! בעטי האָט געחלומט צו דערציען אירע קינדער לפי די פּעדאַגאָג
אָנווייזונגען פון רוסאָ.

מצד דעם טאַטן איז היינעס יחוס געווען אַ ביסל בלאַסער. זיין טאַטע, שמשון,
געווען אַ זון פון אַ קליינשטעטלדיקן קרעמער און מיט באַזונדערע מעלות זיך נ
אויסגעצייכנט; געווען אַ פשוטער ייד, אַ נאַיווער, געגליבט יונג און אַלט, און צום מ
נישט געטויגט. בעיקר, אַ לא יצלח געווען ס'גאַנצע לעבן זיינס. מבחינת קולטור אי
אַ שמשון הגיבור ווייט נישט געווען. איז טאַקע אַ חידוש – וואָס האָט די קולטור
בעטי אין דעם שמשונען געזען? בעטי, דערציילט מען, האָט זיך אין שמשונען פֿאַרל
ווייל ער איז געווען אַ בילדישער מאַן. זיין בלאָנדער קאָפּ האָר, זיין איידעלער אוי
די ווייכע פנים־שטריכן – דאָס האָט געערעדט צום האַרץ פון דער איינזאַמער בעטי,
איז, צו יענער צייט, געווען שוין אַ קיילעכדיקע יתומה. און אַפילו דעם איינציקן ב
אירן געהאַט פאַרלוירן.

מען דאַרף זאָגן, אַז שמשון האָט אין זיך דאָך עפּעס פֿאַרמאָגט – ער איז געווע
בחור, אַ פראַנט, אַ קאַפּיטשקע אַ טרוימער, און דער עיקר – געוווסט ווי אַזוי מען
רעדן צו אַ מיידל. האָט טאַקע צווישן בעטי און שמשונען די ליבע געברענט אַ
האָבן זיי געשטעלט אַ חופּה און געוואָרן מאַן־און־ווייב.

היינריך, דער בכור פון בעטי און שמשון, איז געקומען אויף דער וועלט, ווי געוו
אין דער מזלדיקער שעה פון עמאַנציפּאַציע. און דאָס האָט מען געפילט אויך
שריט־און־טריט.

איין מאָל איז פֿאַרפֿאָרן קיין דיסלדאָרף דער קיסר נאַפּאָלעאָן. אַ שמחה, אַ פרייד
יידן – נישט צו באַשריבן! בשעת דעם קבלת פנים פֿאַרן קיסר איז דער רב פון דער
קהילה קדושה, אַ ייד, אַ הדרת פנים, מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד וואָס האָט
עטרה באַזוימט זיין לאַנגן שוואַרצן בגד, געשטאַנען צווישן די צוויי גייסטלעכע פון דער
קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער קירכע. און באַגריסט, אין נאָמען פון די דריי
רעליגיעס דעם קיסר האָט דווקא דער רב. אין זיין באַגריסונג האָט דער רב דערקלערט
אַז יעדע פון די דריי רעליגיעס – אמת, מיט אַנדערע וועגן – פירט דעם מענטש צו
אַ בן אדם בצלם אלוהים.

נאַפּאָלעאָן האָט דעם ווונק פון רב פֿאַרשטאַנען אויסגעצייכנט, און ער
געענטפערט מיט קלאָרע דיבורים: "ביי גאָט זענען אַלע מענטשן ברידער". א
זינען האָבן זיך אין דיסלדאָרף אַן עפן געטאָן פֿאַרן ייד אַלע טיר און טוירן, וואָס
געווען ביז אַהער פֿאַריגלט און פֿאַרשלאָסן. און בעטי, היינעס מאַמע, האָט שוין פֿאַר
בכור פּלאַנירט אַ גאָלדענע צוקונפט.

"מיין מאַמע – שרייבט היינע אין זיינע זכרונות – האָט מיך געזען שוין אין פֿאַרב
בגדים מיט גאָלדענע עפּאָלעטן אויפן העכסטן שטאַפּל אין נאַפּאָלעאָנס הויף". אָבער –
ביז בעטיס פּלאַן פון גאָלדענע עפּאָלעטן פֿאַר היינריכן וועלן ווערן אַ יש, האָט
שמשון, דער טאַטע, באַשלאָסן דערווייל, אַז זיין זון דאַרף נעמען לערנען אַ ביסל

יידישקייט. אמת שמשון היינע איז אַ ייד פון אַלע תרי"ג מצוות נישט געווען; די משפחה האָט אָבער געהערט צום סאָציאַלן שיכט וואָס, הגם גייסטיק ווייט פון געטאָ, איז יידישקייט נאָך אַלץ געווען אַן ענין, און שמשון היינע איז געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ חברה "עוסקי בתהלים ובמעשים טובים".

יאָ, אַלץ איז טאַקע שיין און גוט - נאַפּאָלעאָן האָט טאַקע געפּסקנט, אַז ביי גאָט זענען אַלע מענטשן ברידער, אָבער די דייטשישע נאַציאָנאַליסטן, די שונאי ישראל, האָבן פון נאַפּאָלעאָנס דעות נישט געהאַלטן. איז ווי נאָר מען האָט פאַרטריבן די פראַנצויזן פון דער דייטשישער ערד, האָט מען דאָס רעדל פון עמאַנציפּאַציע צוריקגעדרייט. און דער יום־טוב פאַר יידן האָט געדויערט פון אסתר תענית ביז פורים... בעטיס חלום פון גאָלדענע עפּאָלעטן פאַר איר זון איז אויסגערינען, ווי דער ווייַן פון אַ געשפּאָלטענער כלי... וואָס וועט זיין איצט דער תחלית פון 19־יעריקן היינריך? איז געבליבן - מען שיקט דאָס יינגל קיין האַמבורג צום פעטער סאַלאָמאָן אויף דער לער.

ווער איז געווען דער פעטער סאַלאָמאָן?

סאַלאָמאָן היינע איז געווען אַ ייד, וואָס גאָט האָט אים דערלאַנגט מיט שעפל און לעפל - ער איז געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין דייטשלאַנד. זיין פינאַנציעלע אונטערנעמונג אין האַמבורג געהאַט גרויסע פאַרצווייגונגען אין גאַנצן לאַנד. היות דער ייד האָט געוווסט ווו־איין־און־אויס, האָט ער געמאַכט אַ פאַרמעגן, און - געוואָרן "אני שלמה" אין האַמבורג. ער האָט געוווינט אין אַ געגנט ווו אַ ייד האָט אַ פוס נישט געטאָרט אַריינשטעלן; אָבער בזכות פון זיין עקאָנאָמישן מעמד האָט ער אין פּאַטריציאַנער קוואַרטאַל פון דער שטאָט געפירט אַ ביז גאָר רייכע היים. און אויסער דער שטאָט האָט דער ייד פאַרמאָגט אַ שלאָס מיט אַ ריזיקן פּאַרק. אין פּאַרק איז געשטאַנען אַ גרויסער פאָנטאַן פון מאַרמאָר און וואַסער איז געפלאָסן פון די פּיסקעס פון מיסטעריעזע ספינקסן. די פּאַרק־ביימער פון הונדערטער יאָרן האָבן באַזוימט אַ ריזיקע פּאָליאַנע, וואָס האָט זיך געצויגן העט־אַראָפּ צו די ברעגעס פון צפון־ים. די אַ ראַטשע האָט געריסן די אויגן מיט איר עשירות און מוריע געווען לכל עם ועדה, אַז סאַלאָמאָן היינע, אַ זון פון אַ קרעמער, וואָס איז קיין האַמבורג געקומען מיט אַ פּאָר קליינע גראָשנס, האָט זיך ברוך־השם אַרויפגעאַרבעט. ובכן - זאָלט איר האָבן דרך ארץ פאַר אים! פאַר סאַלאָמאָן היינע האָט מען טאַקע געהאַט דרך ארץ. דער אָ צוגעוואַרעמטער רעכטלאָזער ייד אין האַמבורג האָט אין זיין שלאָס געפּראַוועט אַ סאַלאָן וואָס איז געווען דער מקום פון דער מאָדענער עליטע.

און בסך הכל - מחוץ זיין זאַק מיט געלט - ווער איז ער דאָס געווען דער גאַנצער סאַלאָמאָן היינע? קולטורעל - נישט אַזוי איי־איי־איי... אַפילו דאָס דייטשישע לשון אין זיין מויל איז נישט געווען אַזוי איי־איי־איי... אַרום און אַרום האָט ער קנאַפּ געהאַלטן פון אינטעלעקטועלע ווערטן; צו זיין האַרץ האָט גערעדט הצלחה, וואָס האָט דעם טעם פון ציפערן מיט אַ קייט פון נולן.

פון זיין ברודערן־זון היינריך האָט ער נישט געהאַלטן. "וואָלט דער אָ היינריך געווען אַ מענטש מיט שכל - האָט סאַלאָמאָן היינע אַ מאָל געזאָגט - וואָלט ער פאַרשפּאָרט אָנצוקומען צו אַ פרנסה פון שרייבן לידער"...

און דאָך האָט דעם רייכן ייד געשמייכלט צו זיין אַרומגערינגלט מיט מענטשן פון אַ הויכער געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער מדרגה.

צו אַלע זיינע מעלות טובות האָט סאַלאָמאָן היינע פאַרמאָגט אַ וואַרעם געפיל פאַר

קרובים, אין דעם האָבן זיך בעטי און שמשון איצט אָנגעכאַפּט, ווי אין אַ רפואה; זיי האָבן געשיקט זייער היינריכן צום פעטער ער זאָל ביי אים אַרבעטן אין באַנק, און אַז גאָט וועט העלפן, וועט ער מיט דער צייט אפשר ווערן אַליין אַ באַנקיר.

סאַלאָמאָן האָט היינריכן גענומען אין די הענט אַריין און געטראַכט פון אים צו מאַכן אַ לייט. ער האָט אָבער שנעל איינגעזען, אַז זיין ברודערן־זון וועט שוין קיין לייט נישט זיין. אַ בחור, וואָס דרייט זיך אַרום מיט שפּיציקע אויגן, באַטראַכט דעם פעטערס הר־הא מיט אַן איראָניש שמייכעלע - אַזאַ איינער וועט שוין קיין מענטש נישט זיין... איז געבליבן - היינריך גייט אַוועק לערנען אין אַן אוניווערסיטעט.

ביי די נייע אַנטיסעמיטישע באַדינגונגען זענען פאַר אַ ייד געווען אָפן בלויז די פאַקולטעטן פון מעדיצין און יוריספּרודענץ. היינע האָט גענומען לערנען יוריספּרודענץ; געטראַכט, אַז ווי אַ יוריסט וועט ער זיך איינאָרדנען אויף אַ הויכן מלוכה־פּאָסטן.

צו דער צייט ברענט אין די דייטשישע מקומות אַ פייער פון שנאה צום ייד - רדיפות, בלוטיקע פּאָגראָמען. פאַרסמט ווערט דאָס לעבן פון ייד. אַפילו סאַלאָמאָן היינע מוז פאַריגלען די טירן ביי זיך מ׳זאָל קיין תל פון אים נישט מאַכן. אין שפּיץ פון די אַנטיסעמיטישע שטיק שטייען איצט דווקא די סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס - זיי זענען געווען די הויפּט־מחותנים אויף יענעם וויסטן קאַרנאַוואַל אין וואַרטבורג וווּ מען האָט געברענט ביכער פון אַ ליבעראַלן כאַראַקטער.

נאָך יענער שווידערלעכער שמחה האָבן זיך פון היינעס פעדער אַרויסגעריסן די באַרימטע נביאישע רייד: "דאָ וווּ מען ברענט ביכער, וועט מען אַ מאָל ברענען מענטשן!"

היינע איז דערשיטערט, ער, וואָס איז איינגעהילט אין דער דייטשישער קולטור; ער, וואָס האָט אַ בליק געטאָן שוין מיט זיינע ליריש־ניגונדיקע לידער, און געלויבט געוואָרן פון פּאָעטן און ליטעראַטור־מבינים - אים טרייבן די שונאי ישראל פון דער דייטשישער סביבה! אים ברענט מען די טריט לויטן ליבן סדר פון מיטלעלטער! וואָס איז אים צו האַנט געקומען!...

יאָ, פאַר היינריך היינע האָט זיך געעפנט די יידישע דראַמע פון די מאָדערנע צייטן. ער, דער שטאָלצער מענטש פון אַ גערודפטן פאָלק, וויל נישט מקריב זיין די קולטור־ירושה פון זיין שטאַם און דורך שמד זיך אַריינגנבענען אין דער דייטשישער וועלט. ניין! טויזנט מאָל ניין! ער האָט פיינט די קירכע און מאַכט פון איר חוזק. אָט שרייבט ער וויציק און שפּיציק: "איך האָב פון אייביק די בעסטע מיינונג וועגן יידישע פרויען, ובכן קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן, אַז דער פרוי מרים פון נצרת זאָל דער טאַטע פון הימל האָבן געמאַכט אַ קינד..."

היינע, דער מאָדערנער ייד, וויל זיך נישט שמדן און וויל נישט וואַרטן אויף משיחן; שליסט ער זיך אָן דעריבער אין "פאַראיין פון יידישער קולטור און וויסנשאַפט", וואָס יידישע אינטעלעקטועלע האָבן געשאַפן אין פּאָגראָם־יאָר 1819 אין בערלין, מיטן צוועק - פאַרטיידיקן פּאָליטיש דעם ייד, קעמפן פאַר זיין עמאַנציפּאַציע און, דורך וויסנשאַפטלעכער פאַרטיפונג פון יידישקייט, קרעפטיקן דעם באַוווסטזיין פון מאָדערנעם ייד. היינע באַטייליקט זיך אַקטיוו אין "פאַראיין", גיט לעקציעס אין די "פאַראיין" - שולן, שרייבט אַרטיקלען און באַריכטן. דער פּאָעט ווערט אַ קעמפער פאַר עמאַנציפּאַציע. ליידער דערוואַרט אים אַ ביטערע אַנטוישונג. די יידישע געלט־זעק פון דייטשלאַנד, די קלוגע אויסטויגערס, עלעהיי סאַלאָמאָן היינע, ווילן נישט שטיצן דעם "פאַראיין" - זיי האָבן מורא פאַר מלכות... זיי ווילן זייער שטעטל אַליין באַשטיין, און

זייער יידישן חוב אָפּצאָלן מיט פילאַנטראָפּיע לטובת אָרעמע יידן און גוים. און טאָמער גייט עס אין גרויסע גדולות, איז דאָ אַן אוימסוועג - שמד.

משה נאַדיר וואָלט געזאָגט, אַז די יידישע נגידים אין דייטשלאַנד האָבן געהאַט דעם העלדישן מוט צו זיין פּחדנים... היינע שטעלט פעסט, אַז דער פּסוק - כל ישראל חברים איז שקר וכזב. און אויך דער פּסוק ישראל ערבים זה בזה איז ליגן. מיט ביטערניש און חוזק שרייבט היינע פון בערלין: "די נעכטיקע בנות ציון דרייען זיך אַרום איבער די בערלינער גאַסן מיט לאַנגע צלמים אויף די העלדזער, זענען זיי לענגער פון זייערע יידישע נעזן".

און דאָך וועט היינע זיין גערעאַנגל פאַר יידן־רעכט נישט אויפגעבן. אָט שרייבט ער: "אין לעבן וועל איך נישט אויפגעבן מיין קאַמף פאַר רעכט און בירגער־גלייכהייט פאַר יידן. און אַז קומען וועלן שווערע טעג - זיי וועלן אומפאַרמיידלעך קומען - דעמאָלט וועט מיין קול דונערן איבער גאַנץ דייטשלאַנד!"

דער פּאָעט האָט געהאַלטן וואָרט - זיין קול האָט געדונערט ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג!

בינו לבינו דאַרף מען לעבן - איז ווי נאָר ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם פון אַ יוריסט איז ער אַוועק זוכן אַרבעט. דאָ האָט אים דערוואַרט אַ פיינלעכער שאָק. מען האָט אים איידל געזאָגט, אַז ער איז טאַקע אַ דייטשישער פּאָעט למעלה מן הזמן, ער איז אָבער דאָך נישט מער ווי אַ ייד און דעריבער איז אויסגעשלאָסן ער זאָל באַקומען אַרבעט אין אַ דייטשישן אַמט. אָבער, טאָמער וויל ער זיך שמדן - איז ביטע שעהן...

די יידישע דראַמע פון היינע נעמט אַן טראַגישע פאָרמען. וואָס זאָל ער טאָן?

קורץ פון דער זאַך - מיט אַ געפּאַלן געמיט גייט ער זיך שמדן היינריך היינע! מען דערציילט, אַז נאָך דער צערעמאָניע האָט אים דער גלח איינגעלאַדן צו זיך אויף מיטאָג. היות ער האָט געוווסט, דער גלח, וועמען ער האָט דאָ געמאַכט פאַר אַ קריסט, האָט ער זיך געריכט טועם צו זיין ביים מיטאָג עסן פון היינעס פּקחות, וויץ און שאַרפזין. דער גלח איז געבליבן אַנטוישט - היינע, אַן אומצופרידענער, האָט האַלבוועגס בלויז געענטפערט אויף פראַגן און געטראַכט וועגן ביטערן גורל פון ייד. אַ געפיל פון חרטה האָט אין אים געברענט - אַ פייער!

קורץ נאָכן שמד שרייבט ער מיט ביטערניש צו אַ פריינד: -"וואָלט נאָר דאָס געזעץ דערלויבט צוגנבענען זילבערנע לעפעלעך פון די טישן, וואָלט ער צו די טבילה־וואַסערן פון שמד נישט געגאַנגען".

היינע פילט זיך איצט אין דייטשלאַנד זייער נישט גוט; יידן האַלטן אים פאַר אַן אַפּטריניקן, און דייטשן האָבן אים פיינט סם־המוות. פאַר זיי איז ער פאַרבליבן אַ ייד, אַ שעדיקער פון דייטשלאַנד. היינע, אמת, לאָזט זיך נישט שפּייען אין פּנים אַריין, ער צאָלט אָפּ די דייטשישע נאַציאָנאַליסטן מיט איראָניע וואָס קאָן אַוועקהרגענען אַ מענטש. בסוף, באַשליסט דער פּאָעט - ער פאָרט קיין פּאַריז לעבן און שאַפן, און דער עיקר - אָטעמען מיט פרייער לופט און זיין אַ מענטש.

דאָס גייסטיקע פּאַריז כאַפּט זיך אַרום מיט היינען. זיין וווּנדערלעכער טאַלאַנט איז אַהער שוין דערגאַנגען. מלכותדיק נעמען אים אויף די פּאַריזער סאַלאָנען. היינע שרייבט צו אַ פריינד קיין דייטשלאַנד: "אַז איר וועט פרעגן אַ פיש, ווי ער פילט זיך אין וואַסער, וועט ער אייך זאָגן - ווי היינע אין פּאַריז!"

די פּאַריזער פּרעסע באַגריסט היינריך היינען, דעם גרויסן דיטשישן פּאָעט, און זעט

אין אים דעם קעמפער פאַר ליבעראַליזם אין דייטשלאַנד. די פּרעסע אין פּאַריז האָט קיין טעות נישט געמאַכט; אַרום היינען גרופּירט זיך די גאַנצע דייטשישע עמיגראַציע, וואָס שטייט אין געראַנגל פאַר אַן ענדערונג אין די דייטשישע לענדער. דער רוב זענען יידן און משומדים, געבילדעטע מענטשן, וואָס האָבן איינגעזען, אַז אויך שמד באַהיט נישט פון יידן־האַס.

צו יענער צייט איז היינע ביי דער מיינונג, אַז דער נצחון פון אַ ליבעראַל־רעפּובליקאַנישן סיסטעם קאָן ברענגען פאַר יידן אין דייטשלאַנד די ישועה פון עמאַנציפּאַציע. אָבער הגם ער שטורעמט מיט כעס קעגן די פּרינצן, און אין יאָר 1844, ווען די שלעזישע וועבער־אַרבעטער האָבן רעוואָלטירט קעגן מלכות, פייערט היינע, אין זיין באַרימטער פּאָעמע "די וועבער". "אַ קללה דעם קעניג פון זאַטע און רייכע"... "אַ קללה דעם פּאַטערלאַנד, דעם פאַלשן, דעם געמיינעם" – איז ער דאָך פול מיט ספקות. – מאָנאַרכיע, רעפּובליק, אַז אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, שרייבט היינע, פון צעוויגטן דייטשישן נאַציאָנאַליזם. און ער קומט מיט נביאישע רייד: "טאָמער אַ מאָל וועט זיגן דער גייסט פון נאַציאָנאַליזם (אַז באַשירעמען זאָלן אונדז אַלע הייליקע פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, און אויך די פון קאָראַן), דעמאָלט וועט אויף די קעפּ פון די אָרעמע יידן פאַלן אַ שטורעם פון רדיפות וואָס וועט איבערשטייגן אַלץ וואָס יידן האָבן געליטן אין דער פאַרגאַנגענהייט".

היינע ווערט שנעל אַן אַפּיקורס אין דייטשישן ליבעראַליזם. ער קומט צום שכל, אַז נישט די רייכע רעפאָרמירטע יידן, נישט דער שמד און אויך נישט אַ וואָסערדיקע עמאַנציפּאַציע וועלן פאַרן דייטשישן ייד עפענען די טויערן פון סאָציאַלן לעבן. די ישועה פאַרן ייד אין דייטשלאַנד, טראַכט ער, וועט קומען בייינאַנד מיט דער ישועה פאַרן אָרעמען געדריקטן מענטש. היינעס דערגייט צום געדאַנק, אַז די ריכטיקע עמאַנציפּאַציע פון יידן קאָן ברענגען נאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

הקיצור, ביים זוכן די ציל צו בויען דעם בנין פון יידן־עמאַנציפּאַציע, ווערט היינע אַ קעמפער פאַר צדק און יושר; ער נעמט זיך איינשטעלן דער פאָלקס־מענטש זאָל עסן פליש, ווי ער זאָגט, במקום ברויט. און ער באַפעלט: אויף מיין קבר זאָלט איר לייגן אַ שווערד, ווייל איך בין אַ בראַווער סאָלדאַט געווען אין דער מלחמה פאַר מענטשלעכער באַפרייונג".

אויף אַזאַ שטייגער ווערט היינע אין פּאַריז אַ חסיד פון א.ג. "סען־סימאָניזם" –אַ שטרעמונג קעגן פּריוואַט־אייגנטום, וואָס פירט צו עקספּלואַטירן דעם מענטש. ער באַוווּנדערט דעם פראַנצויזישן אוטאָפּיסט – פוריע. מיט דרך ארץ רעדט ער וועגן פּרודאָן. ער איז פון די ערשטע נאָענט צו ווערן מיט קאַרל מאַרקסן אין פּאַריז. היינעס געדאַנקען־גאַנג איז אַן אויסמיש פון אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם.

זיין ווייטער בליק אָבער מאַכט פון אים אַ סקעפּטיקער. בעת די סאַמע האַניקדיקע מחזקות מיט מאַרקסן און זיינע תורות גריזשעט דעם פּאָעט אַ פּחד. דאָס איז דער פּחד וואָס קומט צום אויסדרוק אין די ווערטער פון י.ל. פּרץ: "איך שרעק זיך פאַר באַצווינגענע וואָס זיגן. עס קענען פון זיי באַצווינגער ווערן; און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גייסט".

הקיצור, נאָכן אַרומוואַנדערן איבער אַלע סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס פון זיין צייט, און מיט אויסגעבענקטע אויגן זוכנדיק אַ סימן אויף גאולה פאַר זיין פאָלק, איז היינריך היינע, דער אַנטי־עוולה־פּאָעט, דערגאַנגען צום סופיקן באַשלוס, אַז: "יידן זענען אַ

פֿאָלק פֿון מחשבה. יידן האָבן די וועלט אַ מאָל געפֿירט אויף וועגן פֿון פּראָגרעס, און די וועלט האָט פֿון יידן נאָך ווייטערדיקע איניציאַטיוון צו דערוואַרטן". ס'קאָן זיין, אַז היינע איז דאָ אויסן צו זאָגן דאָס, וואָס משה העס, זיין אידעאָלאָגישער פֿריינד, וועט זאָגן אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין זיין חיבור "רוים און ירושלים" - דהיינו, "דער קערן פֿון די קינפֿטיקע סאָציאַלע דערגרייכונגען שטעקט אין דער ייִדיש-נאַציאָנאַל-הומאַניטאַרער רעליגיע". (העס אַקצענטירט דעם באַגריף "הומאַניטאַרער רעליגיע" - נישט אַרויסלאָזן דאָס פֿון אויג). קורץ און שאַרף - דער טעם פֿון אַלע אָפּגעפּלאָסענע ייִדישע דורות איז היינען געלעגן אין מאַרך פֿון זיינע ביינער. אָט, נעמט זיין פּרעכטיקן ציקל לידער "העברעישע מעלאָדיעס" וואָס פּאַנגט זיך אָן מיט דער פּאָעמע "די פּרינצעסין שבת", נעמט די "יהודה הלוי" - לידער, זיין "רבי פֿון באַכראַך" און נאָך און נאָך. זיין גאַנצע פֿען-ירושה זאָגט עדות, אַז היינע האָט געהאַלטן פֿון געראַנק, אַז ווער ס'פֿאַרלירט דעם עבר קאָן קיין צוקונפֿט נישט האָבן. ער האָט אַ מאָל שטאָלץ דערקלערט זיינעם אַ פֿריינד -"איך בין אַ פּאָעט - אַ ייִדישער!"

דער אמת איז, אַז היינע האָט זיין געדורפֿטן שטאָם קיין מאָל אין לעבן פֿון אויג נישט אַרויסגעלאָזט. מיט אַ ייִדיש-ראָמאַנטישן בליק באַוווּנדערט ער די מערקווירדיקע דערשיינונג פֿון ייִדישן פֿאָלק אויף דער אַרענע פֿון דער וועלט. ער איז שטענדיק פֿאַרטיפֿט געווען אין תנ"ך. אַ חרובדיק-קראַנקער, אויף זיין באַרימטן מאַטראַץ, לאָזט ער דעם ספר הספרים פֿון האַנט נישט אַרויס. ער בעט ביי זיינעם אַ פֿריינד, אַ געוועזענעם חזן, ער זאָל אים פֿאַרזינגען חזנישע שטיקלעך.

טשיקאַווע - אין זעלבן יאָר 1848, ווען יידן אין דייטשלאַנד האָבן אָט-אָט געזאָלט באַקומען בירגער-רעכט, און פֿון עסק איז נישט געוואָרן, שרייבט היינע צו זיין ברודער: "אין די מאַטערנדיק-שלאָפֿלאָזע נעכט מיינע בין איך מחבר שיינע תפֿילות. זיי זענען אַלע צו אַ גאַנץ באַשטימטן גאָט, צום גאָט פֿון אונדזערע אבות". היינע האָט אַ סברה מתפּלל געווען "צום גאָט פֿון אונזערע אבות", אַז ער זאָל נקמה נעמען אין די שונאים פֿון זיין געמאַטערט פֿאָלק ישראל.

* * *

אַלעקסאַנדער ווייל, וואָס פֿלעגט פֿאַרזינגען פֿאַרן קראַנקן היינע חזנישע שטיקלעך, שרייבט אין זיינע זכרונות אַזוי: "היינע איז געשטאָרבן אַ ייִד - אַ גרויסער ייִד! מען וואָלט געמעגט אויף זיין קבר זאָגן קדיש. אויב ווערט היינע ביי די דייטשן באַטראַכט ווי איינער פֿון זייערע גרעסטע לירישע פּאָעטן, דאַרף ער ביי יידן פֿאַרעכנט ווערן צווישן די, וועלכע האָבן די ייִדישע גלאָריע אַרויסגעהויבן צומהעכסטן". יאָ, אַלעכסאַנדער ווייל, דער בעל-הזכרונות, איז כשר גערעכט.

היינריך היינען האָט מען קובר געווען אויפֿן מאָנמאַרטער בית-הקברות אין פּאַריז. אויף זיין קבר האָט מען קיין קדיש נישט געזאָגט; דערפֿאַר ליגן אָבער אויף זיין קבר שטענדיק פֿרישע בלומען. היינעס קבר איז אַן אָרט פֿון שטענדיקע באַזוכן. זיין נאָמען איז פֿאַרקריצט אין האַרץ און אין זכרון פֿון דער איידעלער מענטשהייט.

וואָס שייך אונז, יידן - מיר וועלן די דראַמע פֿון זיין לעבן, די ייִדישע דראַמע זיינע, קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. הכלל -

משה נאַדיר איז געווען גערעכט: "היינריך היינע האָט זיך געשמדט און... געוואָרן אַ ייִד. ס'ביסל טויף-וואַסער וואָס מען האָט אויף אים געשפּריצט האָט שפּעטער מיט אַ סך פּראָצענטער אַרויסגעווינט פֿון אים מיט ייִדישע טרערן".

ישׂשׂכר פּאָטער / רמת אביב

# 60 יאָר ישׂראַלדיקער סימפֿאָנישער אָרקעסטער

די פּערעם פֿון אָרקעסטער־געשיכטע פֿירן אונדז צוריק צו די דרײַסיקער יאָרן, ווען די יידישע מוזיקערס־אינסטרומענטאַליסטן פֿון די בעסטע אָרקעסטערס אין אייראָפּע זײַנען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון זייערע פּאָזיציעס און געבליבן אָן אַרבעט און אָן שוץ. די געטראָטענע שטויבבערעקלעך פֿון פֿאַרשיידענע לענדער האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אונטער דער פּאָטערלעכער האַנט פֿון אַ גרויסהאַרציקן פֿרײַנד און חבר און באַקומען קינסטלערישן תּיקון און גײַסטיקן אימפּולס אין דער פּאָרעם פֿון אַ נײַער גראַנדיעזער אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך שנעל קונה־שם געווען אין דער וועלט ווי דער ארץ־ישׂראַלדיקער סימפֿאָנישער אָרקעסטער אין תּל־אָביב.

דער אַרכיטעקט און קאָנסטרוקטאָר פֿון דעם ווערק בראָניסלאַוו הוּבערמאַן, וועלכער האָט געלייגט די פֿונדאַמענטן און אויפֿגעשטעלט דעם מוזיק־אַנסאַמבל, האָט געמוזט אָנווענדן נישט ווייניק דערפֿינדערישקייט און ענערגיע אויף אַרויפֿצופֿירן דעם אויפֿטו אויפֿן דרך המלך. די מאַסע בריוו פֿון און צו הוּבערמאַנען פֿון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי: לאָרד מ. זיוו אין לאָנדאָן, פֿעליקס וואַרבורג אין ניו־יאָרק, דוד בן־גוריון אין ירושלים, חיים ווײַצמאַן אין לאָנדאָן, קאָלאָנעל קיש אין חיפֿה, ענגלישער הויכקאָמיסאַר פֿאַר פּאַלעסטינע אין ירושלים, אַרטוראָ טאָסקאַניני אין ניו־יאָרק, פּאַבלאָ קאַזאַלס אין באַרצעלאָנאַ און צענדליקער אַנדערע, זאָגן עדות וועגן דעם אײַזערנעם אויסדויער־כּוח און צעפּלאַמטן וווּלקאַן־פֿײַער, וואָס האָט געברענט אין די טיפֿענישן פֿון דעם ראָזיקן גײַסטיק־אַריסטאָקראַטישן ריז. עס זײַנען אויפֿגעשוווּמען כּלערליי קאָנצעפּטן, און מ׳האָט געמוזט אַדורכפֿירן פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע מאַנעווורעס און אָפּעראַציעס, ביז די לופֿטוויזיע, וואָס האָט אויסגעזען לכתּחילה צו זײַן אַ מנחם־מענדלישע, האָט געקענט באַקומען באַוועגלעכקייט און איבערגיין פֿון עולם־הדמיון צום עולם־המעשׂה.

די פּאַרלויפֿעכישן און פּאַסירונגען, פֿאַרבונדענע מיט פֿאַרווירקלעכן דעם הוּבערמאַן־פּראָיעקט, וואָלטן זיכער געסטייעט אויף אויסצופֿילן אַ גרויסן באַנד פּיקאַנטע דערציילונגען. נאָך מער נײַגער וואָלטן זיי אַרויסגערופֿן ביים קולטור־היסטאָריקער, וועלכער וואָלט פּרעטענדירט צו פֿאָרשן דערשיינונגען, וואָס וואַרפֿן ליכט אויפֿן גײַסט פֿון דער צײַט, ווען די נאַצישע האָרדעס האָבן מיט זייערע שפּאָנעס שוין געהאַט אײַנגעקלעמט גרויסע טיילן פֿון אייראָפּע, און זייערע סקאָרפּיאָנען־מיטגייערס האָבן געבושעוועט אין זייערע הערשספּערעס. דאָס בין איך אָבער נישט אויסן אין איצטיקן מאָמענט.

וואָס איך וויל איצט יאָ אַרויסברענגען און מפֿרסם זײַן ברבים, זײַנען עטלעכע דאָקומענטן און זכר־איבערבלײַבענישן פֿון געוויסע איניציאַטיוועס און טוונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכות צום דערמאָנטן ווערק און זײַנען ביז היינט נישט אָפּגעמערקט געוואָרן. כאָטש קלייניקייטן - ווייל פֿון רעטראָספּעקטיוון קוקווינקל גענומען - זײַנען זיי אָבער אין יענע טעג געווען פֿון וואָגיקן ווערט צו אינספּירירן און דינאַמיזירן די גאַנצע קאָנסטרוקציע פֿון פּלאַן. כּדאַי דעריבער זיי צו פֿאַרגעדענקען.

## א

דער געדאַנק וועגן אויפֿשטעלן אַ יידישע רעפּרעזענטאַטיווע מוזיק־קערפּערשאַפֿט אין ארץ־ישׂראל איז נישט בלויז געבוירן געוואָרן אין קאָפּ פֿון בראָניסלאַוו הוּבערמאַן.

ער האָט זיך אויך פּאַראַלעל אַנטוויקלט אין געוויסע אינטעלעקטועלע קרייזן אין וואַרשע און דער עיקרשט אין די ספערעס פון יידישע מוזיקערס אין וואַרשעווער פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער, אין וועלכן עס זענען געווען פּאַרטראָטן ביי 30 יידן פון דער אַלגעמיינער צאָל 75. דעם אויבנאָן צווישן זיי האָט פאַרנומען יעקב סוראָוויטש, לאַנגיעריקער ערשטער פידלער, אַ מענטש מיט אַ הויכער פּאָזיציע און אָנזען אין דער מוזיקוועלט אין פוילן, מיטגליד פון דער פילהאַרמאָניע־פאַרוואַלטונג, מיט קאָמפּעטענצן צו אַנגאַזשירן און קאָנטראַקטירן דיריגענטן און סאָליסטן פאַר די קאָנצערט־סעזאָנען יעדעס יאָר.

ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד, האָט זיך יעקב סוראָוויטש לאַנגע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט אַ גרויספאַרנעמיקן פּראָיעקט אויפצובויען אין ארץ־ישראל אַ מוזיק־צענטער מיט אַ ריי דערבייאיקע אינסטיטוציעס און בנינים ווי: אַ קליינער זאַל פאַר קאַמער־קאָנצערטן, אַ מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע, קאָפּעהייזער און אַפילו קאָאָפּעראַטיוו־געשעפטן, וואָס זאָלן שאַפן די באַזע פאַר די פינאַנסן פון דער אונטערנעמונג.

געפינענדיק אָנלען און אונטערשטיצונג מצד צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון יידישן ישוב אין פוילן, ווי הרב הראשי, סענאַטאָר פּראָפעסאָר משה שאָר, ד"ר גרשון לעווין, עדוואַרד פּאָזנאַנסקי און אַנדערע, איז ער דעלעגירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, כדי אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט די געהעריקע יישוב־אינסטאַנצן וועגן די מעגלעכקייטן צו רעאַליזירן זיין פּלאַן. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בראָניסלאַוו הובערמאַן האָט אים שוין געהאַט פאַרלאָפן דעם וועג...

יעקב סוראָוויטש איז געוואָרן דער פאַרטרויענס־מענטש פון בראָניסלאַוו הובערמאַן, און אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער גרופּע מוזיקערס, אויסגעקליבענע פאַרן ישראלדיקן אָרקעסטער, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיינע פּלייצעס. ביי אים אין שטוב איז פאָרגעקומען דאָס אויסהערן און באַשטימען די קאַנדידאַטן פאַרן אָרקעסטער, און ער איז אויך געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן איבערפירן די גאַנצע גרופּע מוזיקערס מיט זייערע משפחות פון פוילן קיין ארץ־ישראל. ער איז לאַנגע יאָרן געווען צווישן די זיילן פון פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אין תל־אביב, הן ווי פידלער און הן ווי אינספּעקטאָר און ראָטגעבער פון דער אָנפירערשאַפט. איז זיין נאָמען זיכער ראוי דערמאָנט צו ווערן אין די דערהויבענע, יום־טובדיקע טעג פון דער ישראלדיקער מוזיק, פאַר זיין בכבודיקן צושטייער צו איר אויפבוי פון פונאַנדערוווקס.

## ב

אין מיין אַרכיוו געפינט זיך אַ בריוו פון בראָניסלאַוו הובערמאַן צו דעם זעלביקן יעקב סוראָוויטש פון 12טן יוני 1936, אין וועלכן ס'לייענט זיך באַלד ביים אָנהייב דער ווייטערדיקער אָפּזאַץ: "דער ענטפער פון יוסף קאַמינסקי טוט מיר זייער וויי. כ'בעט אייך האַלטן אים אויפן אויג. זעט ביי יעדער געלעגנהייט אויף אים משפיע צו זיין לטובת ארץ־ישראל.

יוסף קאַמינסקי, דער זון פון דער "מאַמע פון יידישע טעאַטער", אסתר־רחל קאַמינסקי, איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען אין שפּיץ פון זיין קאַריערע. ער איז געווען קאָנצערט־מייסטער פון פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אין וואַרשע, ער איז אויך געווען דער גרינדער און טאָנגעבער פון באַקאַנטן אין אייראָפּע "וואַרשעווער קוואַרטעט", וואָס איז עטלעכע מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן פון דער פּוילישער

רעגירונג פֿאַר זײַנע פֿאַרדינסטן אויפֿן געביט פֿון פֿאַרשפּרייטן קאַמער־מוזיק אין פּוילן און אין אויסלאַנד.

ווי אַ דערצויגענער אין פּוילן, האָט ער אין זיך אײַנגעזאַפּט די שענסטע ווערטן פֿון דער פּוילישער קולטור און מוזיק, און ווי אַ ייִד, איז ער געווען דורכגעווייקט מיט ייִדישן גורל, שטייגער און ייִדיש־וועלטלעכער קולטור. ווען זײַן שוועסטער אידאַ, צוזאַמען מיט זיגמונט טורקאָוו, האָבן געגרינדעט דעם "וואַרשעווער קונסט־טעאַטער" (וויקט), האָבן זיי יוסף פֿאַרײַנגעצויגן אין זייער קרענצל און אים איבערגעשטאַלטיקט אין אַ מיטבויער פֿון ייִדישן טעאַטער. זײַן מיטבאַטייליקן זיך אין קאַמף פֿאַר פּלעגן ייִדישן קולטור־אייגנאַרט, און פֿאַרן אויסדרוק פֿון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט, ליד און טאַנץ, האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט זײַן נאַציאָנאַלן געפֿיל און נאָך מער געווירקט אויף זײַן געמיט, מחשבה און לעבנסוועג. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן מוזיק פֿאַרן טעאַטער (לא תחמוד פֿון גאָלדפֿאַדן; ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק פֿון י.ל. פּרץ; קוואַדראַטור פֿון ראָד פֿון קאַטאַיעוו און אַנדערע), ברענגענדיק די פֿאַרשטעלונגען אויסטייטשונג, מוזיקאַלישן זין און האַרמאָניע. די רײַכע פּאַלעטע פֿון קלאַנגען, נײַע מאָדערנע ריטמען, ווי אויך זײַנע אָרקעסטרירונגען פֿאַר פּולן פּולפּיטר־באַזעץ, וואָס זענען ביז דעמאָלט נישט געווען באַקאַנט אין דער ייִדישער טעאַטער־מוזיק, האָבן אים צוגעאייגנט דעם פּראָפֿיל פֿון אָן אינאָוואַטאָר מיט אינדיווידועלער מחשבה.

איין מאָל, בעת זײַנעם אַ באַזוך אין וואַרשע, האָט בראָנסילאַוו הובערמאַן געהאַט געהערט שפּילן קאַמינסקין, און – ווי ער פֿלעגט זיך נוהג זײַן – פֿאַרנאָטירט אין זײַן נאָטיצביכל די ווײַטערדיקע באַמערקונגען: "יוסף קאַמינסקי, 28 יאָר, קרולעווסקאַ־גאַס 29, קאָנצערט־מייסטער פֿון ראַדיאָ, אויסגעטיילט ריינע שפּיל, אויסגעצייכנט ערלעכע טעכניק, גוטער קוואַרטעטיסט און פּרימאַוויסטיסט" (וואָס שפּילט גלײַך פֿון נאָטן אָן צוגרייטונג). ער האָט געהאַפּט, אַז יוסף קאַמינסקי וועט טאַקע אין דער צוקונפֿט זײַן דער קאָנצערט־מייסטער פֿון זײַן פּלאַנירטן ארץ־ישׂראלדיקן אָרקעסטער. ס'איז אָבער געשען אַז קאַמינסקי איז געווען געבונדן מיט אַרבעט־קאָנטראַקטן אין וואַרשע און נישט געקענט אָננעמען די פֿאַרבעטונג צו זײַן צווישן די ראשונים. ווי נאָר ער איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון זײַנע פֿאַרפּליכטונגען, האָט ער דערפֿילט זײַן צוזאָג, און מיט זײַן פֿרוי און קינד, געקומען קיין תּל־אָביב.

עטלעכע דרײַסיק יאָר האָט זײַן נאָבעלע געשטאַלט אַראָפּגעשײַנט פֿון דער בײַנע אין היכל־התרבות א"נ פֿון פּ.ר. מאַן אין תּל־אָביב. אַחוץ זײַנע פֿונקציעס ווי קאָנצערט־מייסטער און ערשטער וויאָליניסט אין אָרקעסטער, האָט ער אויך געהערט צו די ווייניקע קאָמפּאָזיטאָרן אין מדינת ישׂראל, וואָס האָבן אין זייערע שאַפֿונגען אויסגעדריקט דעם סימביאָז פֿון ישׂראלדיקן נײַעם מזרח־פּייסאַזש מיט דער מוזיק־ירושה פֿון זײַן מאַמעס היים, אַ סינטעז פֿון דעם אויספּערסואַדירטן מיט דער לאָגיק, מיט דעם וואָס עס איז אים געלעגן אין מאַרך פֿון זײַנע בײַנער.

האָב איך געהאַלטן פֿאַר רעכטפֿאַרטיק, ביים פֿייערן זעכציק יאָר פֿילהאַרמאָנישער אָרקעסטער אין מדינת ישׂראל, אויך אַרויסצוהייבן די פּערזענלעכקייט פֿון יוסף קאַמינסקי און באַטאָנען זײַן פּאָזיציע און ווירקעוודיקייט אין דער ישׂראלדיקער מוזיק.

ג

כּ'וויל אויך דאָ אָפּמערקן געוויסע ספּעציפֿישע פֿירונגען פֿון בראָניסלאַוו הובערמאַן, וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן גאַנצער פּערזענלעכקייט. אַלע זײַנע

מעשים זענען געווען גוט דורכגעטראַכטע, און ער פלעגט זיך דאגהנען וועגן די קלענסטע פּרטים פון געטוענעם. בײנאַנד מיט די גרויסע זאָרגן פאַר באַאײנפלוסן ערשטראַנגיקע פּערזענלעכקייטן פון דער אַלגעמיינער מוזיקוועלט פאַר זײַן פּלאַן און פאַר מאָביליזירן די עליטע פון וועלט־יידנטום פאַר זײַן אידעע - כדי צו שאַפן פינאַנציעלע מיטלען אויפצושטעלן די פונדאַמענטן פונעם אָרקעסטער - האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אַזעלכע ערדישע פּראָבלעמען, ווי וווינונגען פאַר די אָרקעסטאַנטן, רייזע־הוצאות פאַר זיי און זייערע משפחות, אינסטרומענטן און נאָטן פאַר די ערשטע קאָנצערט־רעפּערטואַרן און אַפילו... פאַר באַקוועמע פּולפּיטן אויף אַוועקצולייגן די נאָטן פאַר די פילהאַרמאָניקער.

איך פאַרמאָג עטלעכע דאָקומענטן, וואָס זאָגן עדות וועגן אָט די דאָזיקע קלייניקייטן:

1. אין דעם אויבן־דערמאָנטן בריוו שרייבט הוברמאַן: "...וועגן די פּערקוסיע־אינסטרומענטן האָב איך געשריבן צו שטיינבערגן (געמיינט איינעם פון די שפּעטערדיקע דיריגענטן פון אָרקעסטער - י.פּ.). אין צווישן בעט איך אייך זאָרגן, אַז גינזבורג זאָל די אינסטרומענטן גוט אַדורכקוקן און אויספּראָבירן. כ'בעט אייך אויך גלייך איבערשיקן פאַרעמסקין דעם קאָנטראַקט. וועגן די סערטיפיקאַטן האָב איך נאָך אַ מאָל אַרויסגעשיקט קיין ירושלים אַ דרינגענדיקע דעפּעשע."

2. אין אַ דעפּעשע פון 8־טן יולי 1936 צום זעלביקן יעקב סוראָוויטש, האָט הוברמאַן אים צו וויסן געגעבן: "מסכים פּערקוסיע שולץ סטאָפּ, אָפּפאָר היינט טאָסקאַניני צורקקער מאָנטיק".

3. אין אַ בריוו צום דיריגענט ה. וו. שטיינבערג קיין פראַנקפורט געשריבן דעם 15־טן יולי 1936, לייענט זיך: "...כ'בעט דיך, אינטערעסיר זיך וואָס שנעלער וועגן דער מעגלעכקייט צו באַקומען אינסטרומענטן, און בעיקר אַ גרויסע פּויק - גיב מיר וועגן דעם צו וויסן... אפשר ווייסטו וועגן אַ באַקוועמען פּולפּיט, וואָס דו וואָלסט געקענט שיקן קיין ארץ־ישראל ווי אַ מוסטער אויף צו לאָזן פּראָדוצירן דעם פאַרלאַנגטן קוואַנטום? כ'האָב געהערט אַז אינעם נייעם זאַל אין גוטבורג זענען פאַראַן וווּנדערלעכע פּולפּיטן. כ'בעט דיך, שרייב מיר דײַן מיינונג וועגן דעם".

די געשילדערטע דאָ, און אַ סך ענלעכע קלייניקייטן, זענען געווען אַן אומצעשיידלעכער טייל פון בראָניסלאַוו הוברמאַנס עסטעטישן אני מאמין. מוזיק האָט געדאַרפט דערלאַנגט ווערן נישט בלויז ווי אַן אַקוסטישער פענאָמען, נאָר אויך ווי אַ וויזועלע פאַרשטעלקראַפט. האָט ער אין די שווערסטע באַדינגונגען און ביי אַלע צושטאַנדן זיך באַמיט נישט אויפצוגעבן זיינע אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס און נישט מותּר צו זיין אויף זיינע באַגריפן וועגן קונסט און מוזיק. מיט פּרעזיצער עקזאַקטקייט האָט ער רעאַליזירט זיין שולחן ערוך וועגן דער ריינקייט און עכטקייט פון זיינע קינסטלערישע מעשים.

*

אין אָפּגעדרוקטן פּראָגראַם פון ערשטן פייערלעכן קאָנצערט, וואָס אין פאַרגעקומען דעם 26־סטן דעצעמבער 1936 אין תל־אביב, האָט בראָניסלאַוו הוברמאַן געשריבן: "...נישט פאַראַן קיין קונסט אָן פאַסיקן גייסטיקן קלימאַט אַרום איר אין דער געזעלשאַפט. און אויב יעדע קונסט פאַרלאַנגט אַטמאָספער, איז מוזיק - על אחת כמה וכמה. מוזיק קען נאָר רעאַליזירט ווערן, ווען מען לאָזט זי הערן און ווען מען הערט זיך צו איר צו. ווייסן מיר דאָך, אַז די קולטור־אָפּזונדערונג אין משך פון הונדערטער יאָרן

←

יוסף גאָלדקאָרן / בת־ים

# די "אַבראַשעס..."*

...דאָס ערגסטע איז געווען די קעלט. די האַלע, אין וועלכער מיר האָבן געאַרבעט איז געווען אַ־אַ גרויסע, נישט באַהייצטע און דערצו איז דאָרט תמיד געווען אַ צוגווינט. די פענצטער זענען אייביק געווען אָן שויבן און פון דער צווייטער זייט איז געווען אַ גרויס טויער אָן טירן. דורך דעם אָפענעם טויער פלעגט מען אויף ספּעציעלע וועגעלעך אַריינפירן קלעצער האָלץ. מיט זיי האָט מען אין דער שאַכטע פאַרפעסטיקט די קאָרידאָרן און די לאַוועס, פון וועלכע מ'האָט אַרויסבאַקומען די קוילן.

לויט די פאָרשריפטן האָבן אַלע אַרבעטער פון דער בריגאַדע, צו וועלכער איך בין צוגעטיילט געוואָרן, באַקומען ווינטערצייט וואַרעמע "ספּעצאָווקעס" - אַרבעטס־מלבושים (אַ "פופאַיקע" - אַ קורטקע אויסגעבעטן מיט וואַטע, וואַטענע הויזן, וואַלינקעס אויף די פוס און אַ ווינטער־היטל מיט לאַפּן איבער די אויערן). ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג וועג כ'האָב געדאַרפט גיין צו דער נייער אַרבעט, בין איך אַוועק אין קליידער־מאַגאַזין, געוויזן מיינע דאָקומענטן און געבעטן מען זאָל מיר געבן אַ ווינטער־ספּעצאָווקע. די באַאַמטין איז אַוועק קאָנטראָלירן אין מיין קאַרטאָטעקע און צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער, אַז אין מיינע דאָקומענטן איז פאַרשריבן, אַז ווען כ'האָב אָנגעהויבן אַרבעטן האָב איך באַקומען אַ ספּעצאָווקע און עס איז נאָך נישט געקומען דער טערמין פאַר אַ נייער. ס'האָבן נישט געהאָלפן מיינע טענות, אַז די ספּעצאָווקע, וואָס איך האָב באַקומען איז באַשטימט פאַר אַרבעטער אין דער שאַכטע, אָבער איצט האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן אויבן, אין דער האַלע, וווּ עס הערשט אַ שטאַרקע קעלט און עס איז אוממעגלעך דאָרט צו אַרבעטן אין דינע, צייגענע הויזן מיט אַן ענלעכער בלוזע. אויך דער אַרגומענט, אַז אַלע אַרבעטער פון דער בריגאַדע, צו וועלכער איך בין צוגעטיילט געוואָרן, האָבן וואַרעמע ספּעצאָווקעס האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג.

זעענדיק מיין פאַרלעגנהייט, האָט זי געזאָגט: "טאַקאָי זאַקאָן", אַזאַ איז דאָס געזעץ. זי איז געווען דווקא אַ סימפּאַטיש מיידל און ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרטיידיקן, האָט זי צוגעגעבן: "פּאַקטיש קאָנען זיי דאָס אייך נישט אָפּזאָגן. איר מוזט אָבער דערויף באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון וויצע־דירעקטאָר פראָנין און מיט אים איז נישט אַזוי לייכט". און ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן, אַז זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט, האָט זי צוגעגעבן: "איך בעט אייך איר זאָלט נישט דערמאָנען מיין נאָמען און נישט פאַררופן זיך אויף מיר, ווייל איך קען האָבן דערפון גרויסע צרות". איך האָב איר

---

האָט ביי אונדז אויסגעמיטן דאָס שאַפן פאַסיקע אַסטמאָספער פאַר קונסט אין דער יידישער געזעלשאַפט. ליגט דעריבער אויפן אָרקעסטער דער חוב נישט נאָר צו דינען ווי אַ מקור פון גייסטיקער דערהויבונג און העלפן דעם בויער פון לאַנד אין זיין אַרבעט, נאָר אויך מכשיר זיין דעם באָדן, אַז עס זאָל אויף אים שפּראָצן אַ מוזיק־קולטור, וואָס אין איינעם אַ טאָג - ווען די צייט וועט רייף ווערן - זאָל זי שענקען דער מענטשהייט דעם אויסדערווייילטן געניאַלן קאָמפּאָזיטאָר".

ווערטער, וואָס האָבן ביז היינט נישט פאַרלוירן פון זייער אמת, און הלוואי זיי זאָלן מקויים ווערן.

יאַנואַר 1997.

צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט. כ'האָב שוין געוווּסט, אַז דער נאָמען פראַנין וואַרפט אָן אַ פחד נישט נאָר אויף פּשוטע אַרבעטערס נאָר אויך אויפן אינזשעניערן־טעכנישן פּערסאָנאַל און אַפילו אויף די ביוראָ־באַאַמטע, וועלכע זענען נישט געווען אים דירעקט אונטערגעאָרדנט.

אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש פראַנין איז געווען אַ קרעמפּער, פעסטער מאַן פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ ברייט, פלאַטשיק פּנים אויף וועלכן מ'האָט קיין מאָל נישט געזען קיין שמייכל. ער האָט געהאַט וואַסערדיקע אויגן מיט אַ ברייטער רויטער נאָז. זיין קאַבינעט, אויב מ'קען דאָס אַזוי באַצייכענען, איז געווען אַ גרויס צימער ביי דער האַלע פון דער שאַכטע, די אַזוי גערופענע "נאַראַרנאַיאַ". כמעט תמיד איז ער געווען בגלופין. אַ ניכטערן, דאָס מיינט נאָר נאָך צוויי, דריי גלעזלעך, האָט מען אים געקענט באַגעגענען בלויז פאַר דער ערשטער שיכט, צווישן 5 און 6 פרי, אָבער אויך דעמאָלט, ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל האָט אויף אַ מעטער ווייט געשלאָגן פון אים דער ריח פון בראָנפן. אָן אַ גלעזל אָדער צוויי משקה איז ער, ווייזט אויס, נישט אַרויס פון שטוב. קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט ער קיין מאָל נישט גערעדט נאָרמאַל, נאָר תמיד געשריגן.

זיין קאַבינעט איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן. ער האָט קיין מאָל קיינעם נישט געבעטן זיצן. כדי אויפמערקזאַם אויסהערן אַ מענטש. ער אַליין איז אויך זעלטן געזעסן. בדרך כלל איז ער געשטאַנען פון איין זייט פונעם לאַנגן טיש, און פון דער אַנדערער זייט זענען געשטאַנען די באַזוכער וואָס זענען געקומען דערליידיקן זייערע ענינים, בעיקר געווען פאַרבונדענע מיט דער אַרבעט אין געגעבענעם טאָג. גערעדט האָט ער מיט עטלעכע מענטשן פאַר אַ מאָל און אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן אָפט מאָל דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון די שאַכטיאָרן.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז דערליידיקן אַן ענין מיט פראַנינען קאָן מען נאָר אין די פרימאָרגן־שעהען. שפּעטער איז אים בכלל שווער צו טרעפן. בין איך אַוועק פאַרטאָג, ס'איז נאָך געווען פינצטער. לויטן ביישפּיל פון אַנדערע האָב איך אויך זיך אַריינבאַקומען ממש מיט כוח אין קאַבינעט פון "גרויזאַמען" פראַנין. כ'האָב אָבער נישט געהאַט דעם מוט צוצושטופּן זיך צו אים. איך בין געשטאַנען אין אַ זייט און אַפילו מיט גרויס אינטערעס אָבסערווירט דעם אופן ווי אַזוי ער דערליידיקט ענינים. צום סוף, ווען ס'זענען שוין כמעט נישט געווען קיין מענטשן אין צימער, בין איך ענדלעך אָנגעקומען צו אים. ער האָט מיך אויסגעהערט, דווקא אויפמערקזאַם, און איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין געהאָלפן. צום סוף אָבער האָט ער, מיט זיין שרייענדיק הייזעריקער שטימע פון אַ שיכור געזאָגט, אַז דערווייל זענען אין מאַגאַזין נישטאָ קיין ווינטערדיקע ספּעצאָווקעס, און צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט ער מיך באַרואיקט, אַז איך זאָל האָבן געדולד נאָך אַ פּאָר טעג, און כ'וועל עס באַקומען. אויף מיין טענה, אַז שוין מאָרגן דאַרף איך אַרויסגיין אויף מיין נייער אַרבעט און איך האָב נישט וואָס אָנצוטאָן, האָט ער געענטפערט מיט ביטול: "ווייס איך וואָס, דיין ווייב וועט שוין עפּעס געפינען". ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען צונויפקלייבן זיינע פּאַפּירן, וואָס איז געווען אַ סימן, אַז דאָס געשפּרעך איז פאַרענדיקט און, גייענדיק צו דער טיר, וואָס האָט באַטייט, אַז איך דאַרף אויך אַרויסגיין, האָט ער, שוין גאָר נישט אַזוי איידל, געזאָגט: "זאָלסט נישט וואַגן מאָרגן צו מאַכן אַ פּראָגול מיטן אויסרייד, אַז האָסט נישט באַקומען די ספּעצאָווקע, וועסט דערפאַר טייער באַצאָלן." מיר זענען אַרויס, ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און אַוועק אָן אַ גוטן טאָג. איך בין געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער. כ'האָב געוווּסט,

אַז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז שקר וכזב. דאָס איינציקע, וואָס קען זיין אמת איז זיין וואָרענונג, אַז איך קען טייער באַצאָלן, אויב איך וועל נישט קומען צו דער אַרבעט.

אין ערשטן מאָמענט האָט מיך באַהערשט אַ פחד. מאַלע וואָס פאַר אַ פּראָוואָקאַציע אַזאַ רשע קען צוטראַכטן? אפשר וויל ער גאָר פון מיר מאַכן דעם קרבן פאַר די וועררבירטע וואָס זענען אַנטלאָפן? דעם אמת געזאָגט בין איך געווען פון די לעצטע צווישן די וועררבירטע, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אַרבעטן אין דער שאַכטע. שוין אין די ערשטע טעג זענען אַנטלאָפן די, וואָס האָבן געהאַט זייערע משפחות, זייערע היימען אין דער "באַפרייטער" מערב־אוקראַינע. דאָס זענען געווען יונגע חברה, וואָס האָבן עס באַטראַכט ווי אַן אַוואַנטורע - און בעת זיי זענען אָנגעקומען אין פּאָסיאָלעק און געזען מיט וואָס דאָס שמעקט, זענען זיי נאָך עטלעכע טעג, נאָך איידער מיר זענען בכלל אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אַנטלאָפן, נישט אָפּרעכענענדיק זיך פאַר דעם געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען ווי אַן אַוואַנס און פאַר אַלע אַנדערע הוצאות. זייער אַנטלויפן איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מפּלה פאַר פּראָנינען.

איך בין אַ היים געגאַנגען מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז קודם כל טאָר איך נישט שאַפן קיין שום תירוץ מען זאָל זיך קענען צושטעפּן צו מיר. כ'האָב דערציילט מאַניען דעם פאַרלויף פון מיין באַגעגעניש מיט פּראָנינען און מיר ביידע זענען געווען ביי דער זעלבער מיינונג נישט צו לאָזן זיך פּראָוואָצירן. צום גליק האָבן מיר עטלעכע טעג פריער באַוויזן צו קויפן אין געשעפט פון דער שאַכטע צוויי קאָמפּלעטן וואַרעמע וועש. חוץ דעם האָב איך, לאָזנדיק זיך אין וועג אַריין, באַוויזן אויף מיין אָנצוג אָנצוטאָן נאָך אַ מאַרינאַרקע מיט אַ פּאָר הויזן. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך וועל זיך אָנפּעלצן אין דעם און דערויף אויך אַרויפשלעפּן אויף זיך די צייגעגע ספּעצאָווקע. ערגער איז אָבער געווען מיט די שיך. איך בין געבליבן מיט איין פּאָר שיך. אמת דאָס זענען געווען אַרבעטשיך פון "באַטאַ", פעסטע מיט גומענע זוילן. זיי זענען אויך געווען גענוג גרויס כדי קענען אָנטאָן צוויי פּאָר שקאַרפּעטן. און אַזוי בין איך אויף צומאָרגנס אַרויס צום ערשטן מאָל אויף מיין נייער אַרבעט.

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, איז אין דער האַלע ביים "קלעט" געווען אַ ביטערע קעלט. ווען מען דאַרף אָבער 8 שעה אָן אויפהער שטופּן וואַגאָנעטקעס מיט 800 קילאָ קוילן, כאַפּט מען אַ שוויץ און מ'פאַרגעסט אין דער קעלט, אַזוי, אַז אין מיינע מלבושים האָט מען געקענט אויסהאַלטן. די פּראָגע איז נאָר געווען, ווי לאַנג. די מלבושים זענען שוין געווען אַלטע און אויף מיין לאַנגן וואַנדער־וועג זענען זיי שטאַרק אָפּגענוצט געוואָרן. צום ערגסטן איז געווען מיט די שיך. איך האָב נישט געהאַט קיין צווייטע איבערצטוטאָן נאָך דער אַרבעט און כ'האָב מורא געהאַט, אַז נאָך עטלעכע טעג וועלן זיי מיר אַראָפּפאַלן פון די פיס. אַזוי איז אַדורך מיין ערשטע וואָך אויף דעם נייעם אַרבעט־פּלאַץ.

אויף דער צווייטער וואָך האָב איך געאַרבעט אין דער נאַכטשיכט. האָב איך אויסגענוצט די פרייע צייט פון טאָג אויף נישט לאָזן דער נאַטשאַלסטווע פאַרגעסן אין מיין ענין. כ'בין געגאַנגען צום סעקרעטאַר פון פּראָפּפאַראיין, טשוטשולין. ער איז געווען אויפגעבראַכט און געשריגן, אַז דאָס איז אַן אומדערלאָזבאַרע האַנדלונג מצד פּראָנינען. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך פאַרנעמען מיט מיין ענין. כ'ווייס נישט ביז היינט אויף וויפל זיין אויפבראויז איז געווען אויפריכטיק. אפשר האָט ער טאַקע געוואָלט מיר העלפן, ווייל אין תוך איז ער נישט געווען קיין שלעכטער מענטש, אָבער מיט אַ שוואַכן

כאַראַקטער, און איך האָב געהאַט אַ גרויסן ספק צי ער וועט בכלל האָבן דעם מוט רעדן וועגן מיר מיט פראַנינען.

אַזוי איז עס מסתמא געווען, ווייל ס'איז פאַרביי נאָך אַ וואָך און ס'האָט זיך גאָר נישט געענדערט. צופעליק האָב איך באַגעגנט דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע ביי דער שאַכטע, ניקאָלאַי טימאָפעיעוויטש מאָרדאָוו. איך בין עטלעכע מאָל געגאַנגען צו אים, אָבער ער איז קיין מאָל נישט געווען אין זיין ביוראָ. כ'האָב אים איבערגעבעטן הלמאי איך וועגד זיך צו אים אין מיטן גאַס, ווייל איך קען קיין מאָל נישט אָנקומען צו אים. ער האָט אַפילו נישט געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. ער האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ בייז אָנשיקעניש. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער באַטראַכט ווי אַ פחיתת הכבוד וואָס איך, אַ פשוטער אַרבעטער, נאָך דערצו אַ בעזשעניעץ, האָב בכלל די העזה צו ווענדן זיך צו אים, אין מיטן גאַס. איך האָב אָבער דאָך גענומען רעדן, נישט אַזוי ווייט מיט אים, ווי צו אים. ווי נאָר איך האָב דערמאָנט דעם נאָמען פראַנין, האָט ער אויסגערופן: – דאָס איז נישט מיין ענין, און איז אַוועק אָן אַ גוטן טאָג.

דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט דערוואַרט, אַז מאָרדאָוו וועט מיר ברענגען די ישועה. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ נישט קלענערער שיכור ווי פראַנין און נישט ווייניקער קאָרומפּירט. דער אופן פון זיין האַנדלונג לגבי מיר האָט מיך אָבער דערשיטערט. ער איז דאָך געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין אַ גרויסער אונטערנעמונג. אמת איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז נישט קיין הויכער אָמט. ער איז אָבער געווען דער אָפיציעלער רעפּרעזענטאַנט פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געווען דער אידעאַל פון מיינע יונגע יאָרן. האָב איך דערוואַרט פון אים כאָטש אַ גוט וואָרט. ער האָט מיך אָבער פשוט דערנידעריקט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מאָמענט פון שווערער אַנטוישונג. כ'האָב אַפילו געטראַכט, אפשר איז כדאי צו אַנטלויפן און פטור ווערן פון די צרות מיט דער שאַכטע. אָבער ווען איך האָב זיך באַרואיקט און געווען בכוח לאָגיש צו טראַכטן, בין איך ווידער געקומען צום אויספיר, אַז אַ גאַנצע ריי סיבות דערלויבן מיר נישט אויף אַזאַ שריט. האָב איך באַשלאָסן נאָך וואַרטן. ביז אַ געווויסן טאָג...

דאָס איז געווען שוין אַ חודש צייט, ווי איך בין אַריבער צו מיין נייער אַרבעט. כ'האָב אין יענעם טאָג געאַרבעט אין דער ערשטער שיכט. ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווייל געוויינטלעך זענען מיר געקומען צו דער אַרבעט באַצייטנס, כדי זיך איבערטאָן אין די אַרבעטס־קליידער, כאָטש איך האָב נישט געהאַט אין וואָס זיך איבערצוטאָן. פראַנין איז ווי תמיד געווען אין זיין ביוראָ. כ'בין ווידער אַריין צו אים. איך האָב שוין געהאַט דערפאַרונג, אַז ביי אים האָט נישט קיין זין צו וואַרטן. האָב איך שנעל זיך צוגעשטופּט צום טיש און ווי אַלע האָב איך געערדט הויך, כדי איבערשרייען די אַנדערע, און געפרעגט: חבר פראַנין, אפשר איז שוין געקומען די צייט איך זאָל באַקומען מיין ספּעצאָוועקע?!

כ'ווייס נישט, נאָר קען זיין, אַז דער אופן ווי איך האָב אים געשטעלט די פראַגע האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים. אַ ווײַלע האָט ער געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן. כ'האָב געמיינט, אַז ער איז גרייט מיך שלאָגן. ער האָט געגעבן אַ זעץ מיט דער פויסט אין טיש, גענומען שרייען: "דו האָסט נישט וואָס צו קומען צו מיר דרייען דעם קאָפּ. דו ווילסט אַ ספּעצאָוועקע, כדי דאָס קענען פאַרקויפן און אַנטלויפן פון דער

גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאָל

## יאָדלע די באַרימערקע

די יאָדלע איז אַ שטאָלצער בוים,
באַרימט זי זיך כסדר:
פֿאַר דער ליפּע, פֿאַרן קליאָן,
מיט אירע שיינע קליידער.
די ליפּע קען דאָס ניט פֿאַרטראָגן,
גרייט דעם יאָדלע־בוים צו שלאָגן.

"באַרים זיך ניט", זאָגט איר דער קליאָן,
"האָב פֿאַר מיר דרך ארץ.
איך זיץ שטענדיק אויבן אָן,
כ׳פּלאַקער אויף קאַנאַדער פֿאָן,
שאָטן גיב איך מער פֿון דיר,
באַרים זיך, יאָדלע, ניט פֿאַר מיר"...

---

ש. גערבער

## פֿון מיין שילערס אַלבאָם*

איך שטיי בי דעם פענצטער
און טראַכט:
די גאַנצע וועלט
פֿאַר מיינע אויגן,
ווי אַן אַלטער "זאַדזאַוטשניק,"
פֿון וועלכן עמעצער
האָט אַרויסגערוסן
דאָס לעצטע זייטל
מיט אַלע ענטפֿערס...

* פֿון רוסיש.

---

שאַכטע, אַזוי ווי עס האָבן געטאָן דיינע חברים, די "אַבראַשעס". ער האָט געוואַלדעוועט און עס איז געווען קענטיק אַז דער אַלקאָהאָל האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין.

אין ערשטן מאָמענט בין איך געבליבן אָן לשון. כ׳האָב נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פֿון מויל. אויך אין צימער איז פּלוצעם געוואָרן שטיל. נאָך אַ ווײַלע האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ לעטאַרגישן שלאָף. צומשטאַרקסטן האָט מיך אַרויסגעפּירט פֿון גלייכגעוויכט דער אויסדרוק "דיינע חברים די אַבראַשעס". (דאָס איז געווען אין ס״פּ אַ באַקאַנטע כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע באַצייכענונג פֿון יידן). כ׳האָב אויך געגעבן אַ זעץ מיט דער פּויסט אין טיש און, אַריבערבייגנדיק זיך אין זיין ריכטונג, בין איך איבערגעגאַנגען אויף "דו" און ווי ציילנדיק יעדעס וואָרט האָב איך אים געזאָגט, ניט געשריגן, נאָר געזאָגט אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן: "האָסט נישט געטראָפֿן אויפֿן געהעריקן אַדרעס. איך בין נישט פֿון די "אַבראַשעס" וואָס אַנטלויפֿן, ביי מיר וועסטו אַנטלויפֿן".

פֿראָנין איז ממש ווילד געוואָרן. ער האָט גענומען שרייען און לויטן שאַכטיאָרישן שטייגער איז ער אַרויס קעגן מיר מיט אַ גאַנצער טיראַדע זידלערייען און קללות, וואָס האָט געדויערט עטלעכע מינוט אָן איבעררייס. איך בין, ווייזט אויס, נאָך געווען אין טראַנס, האָב איך אים געוויזן, אַז פֿאַר דער צייט האָב איך זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך. אין מיין לעבן האָב איך אַוודאי אַזוי נישט געשריגן ווי דעמאָלט. כ׳האָב פֿראָנינען געענטפֿערט מיט אַ סך אַ שטאַרקערן לעקסיקאָן פֿון זידלערייען און קללות, און בין אַרויס מיט אַ זעץ אין דער טיר.

* פֿראַמענט פֿון א בינטל זיכרונות.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* אברהם קאַרפּינאָוויטש: "געווען, געווען אַמאָל אַ ווילנע". דערציילונגען, 174 זז', פאַרלאַג י.ל.פּרץ, 1997. שער־בלאַט - נ. אַלפּערט. אין בוך זענען פאַראַן צען דערציילונגען, און אַלע זענען אַזוי אָדער אַנדערש געווידמעט דעם מחברס היימשטאָט, אַפילו ווען ער שרייבט וועגן תל־אביבער גאַסן. ווי אַלע פריערדיקע ווערק פון אברהם קאַרפּינאָוויטש, צייכנט זיך אויס אויך דאָס איצטיקע בוך מיט זיין פיינעם הומאָר, רעליעפער צייכנונג פון די געשטאַלטן און כאַראַקטעריסטישער אידיאָמאַטיק פון יידיש־ווילנע.

* שירה גאָרשמאַן: "אָן אַ גאַל". דערציילונגען, סקיצעס, זכרונות, 196 זז' פאַרלאַג "ישראל־בוך" 1996. דאָס איז דאָס פערטע בוך וואָס די שרייבערין האָט פאַרעפנטלעכט אין ישראל זינט זי איז עולה געווען פון געוו. סאָוועטן־פאַרבאַנד. אינעם פאָרוואָרט צום בוך ווערט געזאָגט צוו. אַנד.: "שירה גאָרשמאַן האָט אַ זעלטענעם זכות אין פאַרשליסן אַ קרייז, בעת זי איז אין די צוואַנציקער יאָרן, מיטן גדוד עבודה געווען דער עדות פון אָן ערשט חלוצישן אָנהייב אין לאַנד און נאָך אַ דראַמאַטישן איבעררייס פון 50 יאָר מחוץ דעם לאַנד, זיך צוריקגעקערט צו די אַמאָליקע שפורן, וואָס האָבן זיך אַזוי פאַרענדערט אין דערווירקלעכקייט, אָבער נישט אין שירה גאָרשמאַנס שאַפונג".

אין שירה גאָרשמאַנס ביכער, געשריבענע אין אַ קערנדיקן פאָלקס־לשון, קומט אויף אַ גאַלעריע געשטאַלטן און בילדער פון פאַרשיידענע צייטן און סביבות, וואָס פאַרקריצן זיך אויף לאַנג אין זכרון פון לייענער.

* שירה גאָרשמאַן: "ווי צום ערשטן מאָל", נאָוועלע, דערציילונגען, סקיצן. 320 זז', פאַרלאַג "ישראל־בוך" 1995.

* פיניע פּלאָטקין: "מיט אַן אָפּן האַרץ", אויסגעוויילטע לידער, 140 זז'. אַרויסגעגעבן דורך "יידיש קולטור־קלוב אין וועסט־האָליווד", קאַליפאָרניע 1997. דאָס איז דאָס ערשטע זעלבשטענדיקע לידער־בוך פונעם דיכטער, וועלכער האָט דעביוטירט מיט אַ ליד אין 1934 אין דער מינסקער צייטונג "דער יונגער אַרבעטער" און אַרויסגעגעבן אַ לידער־זאַמלונג צוזאַמען מיט דריי אַנדערע יונגע סאָוועטיש־יידישע דיכטער (1940). פיניע פּלאָטקין לעבט היינט אין לאָס־אַנדזשעלעס און באַטייליקט זיך רעגולער מיט זיינע שאַפונגען אין "חשבון".

* "די צוקונפט", פעברואַר־מאַרץ 1997, ניו־יאָרק. רעדאַקציע־קאָלעגיע: מ. אָליצקי, אברהם ווילק, יאָסל מלאָטעק, יאַני פיין און חנן קיעל.

* "אויפן שוועל", יאַנואַר־מאַרץ 1997. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק. שעף־רעדאַקטאָר ד"ר מרדכי שעכטער.

* "אונדזער צייט", מאַי־יוני 1997, ניו־יאָרק.

* "לעבנס־פראַגן", מאַי־יוני 1997, תל־אביב. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור, רעדאַקטאָר - יצחק לודען.

"די פען" נומ. 31. חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, פעברואַר 1997. אָקספאָרד, ענגלאַנד.

"יוגנטרוף", אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל, אַפּריל 1997, ניו־יאָרק. שעף־רעדאַקטאָר - לאה ראָבינסאָן. מיטרעדאַקטאָרן: הערשל גלעזער און שבע צוקער.

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

פאַרזעצנדיק דעם באַריכט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר ביזן סוף פון סעזאָן (דעם 7־טן יוני 1997), האָבן מיר צו אינפאָרמירן וועגן אייניקע זייער וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אָוונטן אין אונדזער יידישן קולטור־קלוב.

* מוצאי שבת דעם 12־טן אַפּריל איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג. די פאָרזיצערין פון קלוב, לילקע מייזנער, האָט געגעבן אַ באַריכט פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט און אָנגעצייכנט אַ ריי פּלענער אויף דער צוקונפט. אַ צאָל מיטגלידער האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע און אַרויסגערוקט אַ ריי ווערטיקע פאָרשלאָגן.

* מוצאי שבת דעם 19־טן אַפּריל האָבן מיר אָפּגעגעבן כבוד די העלדן און מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און די זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער פאָלק, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער אָנדענק־אָוונט איז דאָס מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ ריי ייִדיש־וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס (קולטור־קלוב, שלום־אָרגאַניזאַציע, געזו. פאַר הומאַניסטיק יודאַיזם, יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, השומר הצעיר און ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד). דער זאַל פונעם קולטור־קלוב האָט קוים געקאָנט אַריינגעמען דעם גרויסן עולם.

נאָכן צינדן די סימבאָלישע זעקס ליכט זענען מיט רעדעס אין יידיש און ענגליש אויפגעטראָטן עריק גאַרדאָן (אַרבעטער רינג) און לילקע מייזנער (קולטור־קלוב). יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט אייניקע לידער געווידמעט דער שואה. די יידישע רעדע און די לידער זענען אויך געלייענט געוואָרן אין ענגלישער איבערזעצונג דורך הערשל האַרטמאַן און ברוס מאַטיס. דער כאָר פון אַרבעטער־רינג (אָנפירונג מלכה שאָו) האָט געזונגען געטאָ־לידער.

* מוצאי שבת דעם 3־טן מאַי האָט בעבע לעוועגטאַל, אַן אַקטיווע טוערין פון "נוסח ווילנע", גערעדט אויף דער טעמע "די געשיכטע פון די העראָישע קאַמפן אין ווילנער געטאָ און ליטווישע וועלדער".

* מוצאי שבת דעם 10־טן מאַי האָט לילקע מייזנער גערעדט וועגן דיכטער משה בראָדערזאָן און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. מלכה שאָו האָט

---

* "דוד האָפּשטיין פּריז", עלפטע פאַרטיילונג, 23־טער יוני 1997. ווי אין די פריערדיקע יאָרן איז אויך אין איצטיקן העפט פאַראַן אַן אָפּקלייב פון דוד האָפּשטיינס לידער. די היי־יאָריקע לאַורעאַטן זענען: דער דיכטער לעוו בערינסקי, דער שרייבער און זשורנאַליסט יצחק לודען און דער "ירושלימער אַלמאַנאַך", וועלכער דערשיינט שוין 23 יאָר אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף קערלער, און לעצטענס - מיטרעדאַקטאָר רב־בער קערלער.

* "בער־שבע שטימע", צייטשריפט פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, נומערן 23 און 24, 1997.

* "יידישקייט", נייעס־בלעטל פון יידיש אַקיוויטעטן אין לאָס־אַנדזשעלעס, נומ. 2 יוני־אויגוסט 1997. (אין ענגליש).

* "יעוורעיסקי קאַמערטאָן", וועכנטלעכע ליטעראַטור און קונסט־ביילאַגע צו דער צייטונג "נאָוואָסטי ניעדיעלי". רעדאַקטאָרן פון דער ביילאַגע: וועלוועל טשערנין און לעאָניד שקאָלניק. תל־אביב, מאַי 1997.

געזונגען אייניקע לידער פונעם דיכטער.

* מוצאי שבת שעם 17־טן מאַי האָט ד״ר משה וואָלף געזעדט וועגן דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם דיכטער און משלים־שרייבער פרץ מיראַנסקי, יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט דעם דיכטערס צוויי לידער.

* מוצאי שבת דעם 24־טן מאַי האָבן מיר פייערלעך אָפּגעמערקט דעם 75־טן געבוירנטאָג פון דעם באַליבטן שרייבער און לעקטאָר ד״ר משה וואָלף, וועלכער איז אַן אָפטער גאַסט אין אונדזער קלוב, הגם ער וווינט אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן. צום אָוונט איז געקומען אַ היפּשער עולם פריינד און פאַרערער פונעם בעל־היובל, ווי אויך זיין משפחה.

עס האָבן באַגריסט לילקע מייזנער, דער דיכטער פּיניע פּלאָטקין, וועלכער איז מיט אייניקע יאָר צוריק געקומען פון געוו. סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דעם בעל־היובלס זון ד״ר שלמה וואָלף. מיט אַ לענגערער רעדע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט דעם לעבנס־און שאַפונגס־וועג פונעם יובילאַר איז אויפגעטראָטן משה שקליאַר. עס איז אויך געווען אַ מוזיקאַלישער פּראָגראַם אויסגעפילט דורך שמעון און אַלאַ קאַנוויזער.

ד״ר משה וואָלף האָט האַרציק געדאַנקט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אָוונט, ווי אויך אַלע פריינד און געסט, וועלכע זענען געקומען אים באַגריסן.

* צום שלוס פונעם קולטור־סעזאָן, מוצאי שבת דעם 7־טן יוני, האָבן מיר געהאַט אַ חשובן גאַסט, פּראָפ. סאַמועל קאַסאָוו. וועלכער האָט געזעדט א.ד.ט. "דער איינפלוס פון דריי יידישע היסטאָריקער אויף דעם צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע: שמעון דובנאָוו, יצחק שיפּער און עמנואל רינגעלבלום."

די לעקציע פון פּראָפ. קאַסאָוו האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן אינטערעס. דער רעפערענט האָט געענטפערט אויף פילצאָליקע פראַגן פונעם עולם.

## אַוועק צילע זילבערצווייג

פרייטיק דעם 18־טן יולי ד.י. איז אַוועק פון אונדז צילע זילבערצווייג – אַ קאָליריפולע פערזענלעכקייט אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן. צילע איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן טעאַטער אין מעקסיקע, לאַטיין־אַמעריקע און שפּעטער ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס. די פרוי פון באַקאַנטן לעקסיקאָגראַף זלמן זילבערצווייג, האָבן זיי ביידע זיך דערגאַנצט און אָנגעהאַלטן במשך פון יאָרן אַ יידישע ראַדיאָ־שעה. צילע איז געווען אַ פּראַקטישע טוערין, און נאָך איר מאַנס טויט האָט זי געהאָלפן אַרויסגעבן דעם וווּנדערלעכן באַנד "קדושים" פונעם "לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

צילע זילבערצווייג האָט אָנגעפירט מיט יידיש־קלאַסן און איז אַליין געווען אַ קוואַל פון יידישן וויסן, באַזונדערס אין פעלד פון יידישן טעאַטער. די גרויסע ליבע פון איר טאָכטער, איידעם און אייניקלעך האָבן פאַרלייכטערט אירע לעצטע יאָרן. זי האָט אין זיי איינגעפלאַנצט די ליבשאַפט צו אונדזערע יידישע ווערטן און אירע אייניקלעך זענען געוואָרן איר און זלמנס קאָנטינואיטעט.

די שטענדיק צעשטראַלטע, גוטמוטיקע, פולע מיט ענערגיע צילע זילבערצווייג האָט פאָרענדיקט איר רייך לעבן אין רייפן עלטער. ס'איז געבליבן אַ בלויז, אַ ליידיק אָרט אין אונדזער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט ליבשאַפט און כבוד דערמאָנען מיר איר נאָמען. צו דער פאַראבלטער משפחה – ווערטער פון טרייסט.

ל.מ.

# דער דיסטריקט קאמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן
ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן
שלום אויף דער וועלט.

**THE WORKMEN'S CIRCLE**
1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(310) 552-2007

---

# לאָס אנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

**תכלה שנה וקללותיה**
**תחל שנה וברכותיה**

---

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**

ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו,

**אירענע אייקין - סעק.**

---

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק די לייענער און פריינד פון "חשבון" פאַר זייער ביישטייער צו די ראש השנה באַגריסונגען.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד,
יידיש־צווייג

**בערנאַרד ווייסבערג, פרעז.**

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידשן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

---

**לייבער, שרה, שמחה**
**און משפחה**

---

| | |
|---|---|
| הירש, צבי און טאָני – צו משפחה, פריינד און מיטגלידער שנת ברכה והצלחה | קאַפּלאַן, רחל און דוד |
| ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ, פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן | וואַנאַמייקער משפחה |
| ד"ר האַדאַ, דזשאַנעט | לעווין, רעגינאַ און יעקב |

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

בלושטיין, שרה און נחום

גאָרפיין, רחל און מאָניע

ווייס, עדנאַ

לעווין, דזשעק און ען

לעוועטאַל, בעבע און לי

לובין, דוד און משפחה

מייזנער, לילקע און שלמה

סאָסקי, העלען און יוסף

סמיט, קאהן טייבל

סטעמפל, טינאַ

ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

פעלנער, פייגע
און משה מאַראָקאָ

קאַרפּ־לעפקאָוויטש, סימאַ

שאַרף, עלסי,
לאָורי און משפחה

שוואַרץ, רעניי – אין אָנדענק
פון שלמה שוואַרץ, שיקאַגאָ

שייפער, דאָראָ און יעקב

סלוצקי, רחל און מענדל

סילבער, אַדעל און אייזיק

פאָנטיין, דזשין

שלאָסער, נעכע

---

באַט, רבקה און שמואל

הענגלי, מאַשאַ

הערבסט, מרים און הערשל

וועלטמאַן, פראַניע און משפחה

זשוק, סאַבינאַ און חיים

ליפשיץ, אסתר

ניומאַן, דניאל, לינקאָלנווד, איל.

סלוצקי, אברהם און געניע

פלאַם, גילאַ

פערעלסאָן, רחל

פרידמאַן, חיה, אין אָנדענק
פון מיין מאַן גרשון ז"ל

קריסטאָל, שלום

---

באַסנער, דאָרא און יעקב

בורמאַן, געניע און אַלבאַ ווילי

גילינסקי, ליובאַ

זאַלען, ריטשאַרד

לאַקס, לאה און יוסף

מאַלעוויטש, זעלדע און פסח

מאַרטעל, מאַקס

מאַרסאָן, מאיר, ניו־יאָרק,
לזכרון מיין ליבן
פעטער ישראל גובקין, ע"ה

סאַפיאַן, העלען

סאַפּאַדי, מיקי

ראָטמאַן, רעגינע און לויס

רייך, פיליפ

ד"ר שאָו, מעני און מלכה

שוואַרץ, אַלען, סקאָקי, איל.

שטיינגאַרט, צירל און הענרי
פלאָרידאָ

שטיינמאַן, נתן

שקליאַר, דבורה און משה